N. 25 זעקסטער יאָרגאַנג פּרייז 60 גראָשן פרייטיק 21 יוני 1929

# ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואכנשריפט פאר ליטעראטור טעאַטער און קונסט

פארלאג ב. קלעצקין. ווארשע

## צו אונזערע לעזער!

דער קומענדיקער נומער „ליט. בלעטער", נומ. 26, איז דער לעצטער פון דעם צווייטן קוואַרטל (אפריל—יוני). די לייענער וואָס ווילן באקומען די „ליט. בלעטער" כסדר, אָן איבעררייס, דאַרפן גלייך צושיקן דעם אַבאָנאמענט-פּרייז פאַר דעם דריטן קוואַרטל (יולי—סעפּטעמבער).

די „ליט. בלעטער" ווערן וואָס-ווייטער אַלץ מער באַליבט ביי דעם יידישן לעזער. ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, אז אַ יידישע ליטעראַרישע צייטשריפט זאָל דערשיינען אין לויף פון זעקס יאָר אָן קיין שום הפסקה, און זאָל געווינען אזא פּאָפּולאַריטעט אין גאַר דער וועלט, ביי דעם יידישן שריפטשטעלער, שוישפּילער, קולטור-טוער, און ביי אַלע פריינט פון יידישן וואָרט.

אַ דאנק דער נייער זאַץ-מאַשין „אינטערטיפּ" פון דער לעצטער אַמעריקאַנער קאָנסטרוקציע, האָבן מיר פאַרשענערט די אויסשטאַטונג פון די „ליט. בלעטער" און געבן אריין פיל מער מאַטעריאַל אין נומער.

אין יעדן נומער „ליט. בלעטער" גייט אריין העכער אַ דרוק-בויגן פון געוויינלעכן בוך- און זשורנאַל-פאָרמאַט, וואָס ס'טראָגט אויס ביי די געוויינלעכע בוך- און זשורנאַל-פרייזן ביז 2 גילדן אַ נומער. די „ליט. בלעטער" קאָסטן אין איינצל-פאַרקויף בלויז 60 גראָשן, און ביים אַבאָנירן — בלויז ביי 46 גראָשן אַ נומער. צוזאמען מיט דער בוך-פּרעמיע בלויז 92 גראָשן. (אָנשטאָט דעם געוויינלעכן פרייז פון 3.50 גילדן).

אין די ערשטע צוויי קוואַרטלען האָבן די לעזער באַקומען די טאָלסטאָי-פּרעמיע:

**אננא קארענינא**, ראָמאַן אין 8 טיילן, יידיש ש. שיינבערג . . . . . 1244 ז.

**די קרייצער-סאָנאַטע** און אַנד. דערציילונגען, יידיש פ. הילפּערין . . . 390 ז.

**דער פּרייז פון די ווערק איז איצט 42 גילדן.**

אין דעם נייעם קוואַרטל וועלן די לעזער באַקומען די ווייטערדיקע באַרימטע טאָלסטאָי-ווערק:

**קינדהייט און יוגנט**, יידיש ד. קאַסעל

**ווידערגעבורט**, ראָמאַן. יידיש שרה רייזען. און אַ ריי אַנדערע טאָלסטאָי-ווערק.

די אַלע טאָלסטאָי-ווערק ווערן איצט פונסניי איבערגעזעצט מיט די אַלע אויסבעסערונגען, צוגאָבן און באַמערקונגען פון דער לעצטער אַקאַדעמישער אויסגאַבע.

אַדרעס: **„Literarisze Bleter", Warszawa, Nalewki 2a**

דער אַבאָנעמענטס-פּרייז — אויף דער לעצטער זייט.

נחמן מייזיל

# ראַטעוועט, כל־זמן ס׳איז נישט שפּעט!

## (צו דעם 11־טן צוזאַמענפאָר פונם אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן)

די טעג קומט־פאָר אין וואַרשע דער 11־טער דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר פונם יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן. און נישט נאָר פון פּוילן, נאָר אויך פון אַ שטיק יידישער אייראָפּע, ווייל דער יידישער אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן האָט אַזאַ אָדער אַנדערע שייכות און השפּעה אויך אויף דעם יידישן טעאַטער־לעבן אין רומעניע, לעטלאַנד, פּאַריז, אַנטווערפּן א. א. וו.

חגם דאָס יידישע טעאַטער ליידט בכלל זייער שטאַרק אויף רעזשי־מאַנגל, אָבער אונזערע אַרטיסטן־צוזאַמענפאָרן ווערן ביי אונז צו־גוט אויסגערעזשיסירט, און לויט דער פעסטער רעזשי גייט זיך אַדורך די צוזאַמענפאָר־אויפפירונג לויט אַ באַשטימטן שאַבלאָן: פייערלעכע עפענונג, באַגריסונגען, פול־אָנגעלאָדענע באַריכטן, הייסע דעבאַטן, אַ פּאָר אינצידענטן, און לסוף, — ווען אַלע זענען מיד, אויסגעשעפּט, — פאַרטיקע רעזאָלוציעס. און... דאָס יידישע טעאַטער־וועלטל פירט זיך ווייטער זיין קלאָגעדיק, צעפאַלנדיק און דעגראַדירט לעבן.

די לאַגע אָבער איז צו־ערנסט, צו־דראָענדיק, צו־קאַטאַסטראָפאַל, מען זאָל אויך אויף דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר גיין אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון די פריערדיקע צוזאַמענפאָרן און נישט אַריינטראַכטן זיך טיפער און ערנסטער אין דער איצטיקער שווערער סיטואַציע.

אין די באַריכטן וועלן פיגורירן אַ 15 אָדער מער „שטענדיקע" טרופּעס, וועלכע האָבן געשפּילט טעאַטער אין היינטיקן סעזאָן. אָבער דאָס וועט זיין בלויז אַ פיקציע פאַר זיך אַליין. עס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול אַזאַ מין טעאַטער־שפּילן!

אויסער אפשר איין ווילנער טרופּע אין וואַרשע, וואָס האָט ביי די אוממענטשלעכע באַדינגונגען געאַרבעט מער־ווייניקער נאָרמאַל, געזעסן (אין געהאַקטע וונדרן!) אויף איין אָרט און דאָך באַוויזן אויפצופירן מיט איינע און די זעלבע אַרטיסטישע כחות איין פּיעסע און אַ צווייטע און אַ דריטע, — האָבן די אַלע איבעריקע יידישע טרופּעס און טרופּקעלעך געלעבט אין אַ שטענדיקן „ויסעו־ויחנו", וווּ געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט, היינט דאָ און מאָרגן דאָרט. האָט אַ טרופּע זיך היינט נאַריש געמאַכט אין אַן אָפּערעטע, און מאָרגן מיטאַמאָל אָנגעשלאָגן אין די הויכקייטן אַזש פון אַ לייוויקס „גולם". האָט אַ טרופּע צוגעשפּילט אַ צייט „רייזעלע פון יאַפּאַן" און גלייך זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גראַנאָווסקי־פאָרשטעלונג. אונזערע בעסערע אַקטיאָרן זענען אַוועק פון פּוילן (מאָרעווסקי, סאַמבערג, פּאָטאָצקאַ), זיך אַרומגעוואַלגערט אין הרי־חושך־שטעטלעך פון דער פּראָווינץ (זיגמונט טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ, יאָנאַס טורקאָוו א. א.), סתם געווען אויסערן טעאַטער (גראָסבאַרט, חנה בראַז, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש) אָדער זיך געלאָזט אויף הפקר קיין רומעניע, לעטלאַנד און אַזוי ווייטער.

עס האָבן דעם לעצטן יאָר געפּרוּווט קומען צו אונז געסט פון אַמעריקע. עס זענען געווען דערווייל די ערשטע שוואַלבן. מען האָט געקענט וואַרטן שפּעטער אויף נאָך און נאָך חשובע אַרטיסטישע געסט, וואָס וואָלטן אפשר איינגעבראַכט מער אָרדנונג און אָפּגעפרישט אונזער טעאַטער־סביבה, זענען אָבער געשאַפן געוואָרן אַזעלכע באַדינגונגען און באַציונגען, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט, ס׳זאָל זיין אַ נייער צושטראָם פון אַמעריקאַנער אַרטיסטן. איך וויל דאָ נישט אַרויפלייגן די גאַנצע שולד אויפן אַרטיסטן־פאַריין, אָבער אינגאַנצן ריין איז ער נישט פון זינד לגבי די „פרעמד"־געקומענע אַרטיסטן.

אָט האָבן מיר אין „פאָרווערטס" אַזאַ מין קאַטעגאָריש בריוול פון דעם פאַרוואַלטער פון אַקטיאָרן־פאַריין אין ניו־יאָרק:

„לויט די באַהאַנדלונגען, וועלכע דער אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן האָט צוגעטיילט אונזערע שוישפּילער לעצטן יאָר, קאָנען מיר נישט נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין העלפן צוגרייטן אַזעלכע רייזעס קיין וואַרשע. פאַרקערט, מיר זענען געצוווּנגען צו ברויכן אונזער איינפלוס אויף אונזערע שוישפּילער, אַז אויב זיי וועלן דורכפאָרן וואַרשע, זאָלן זיי דאָרט נישט שפּילן, אַלס פּראָטעסט קעגן די האַנדלונגען פון דעם אַרטיסטן־פאַריין אין וואַרשע".

דאָס איז דער דערווייליקער רעזולטאַט פון אַ־ניזער היגער האָפערדיקער, איידל געזאָגט, פּאָליטיק...

לויט אַלע גרויסן און באַריכטן איז אין פּוילן דאָ אַ מעגלעכקייט און אָרט פאַר עטלעכע גוטע יידישע טרופּעס, וועלכע קאָנען חדשים און וואָכן שפּילן אין איין שטאָט. עס איז דאָ אויך אַן אָרט פאַר עטלעכע בעסערע וואַנדערנדיקע טרופּעס. אָבער סיי די און סיי יענע מוזן לעבן און אַרבעטן ביי נ אָ ר מ אַ ל ע באַדינגונגען. עס מוז געשאַפן ווערן פעסטע טרופּעס, מיט אַ פעסטן רעפּערטואַר, גוט איינגערעזשיסירטע און מיט ליטישער אויסשטאַטונג.

מיר אָבער האָבן געשאַפן די סאַמע אומנאָרמאַלסטע באַדינגונגען פאַר דער טעאַטער־אַרבעט.

עס איז זייער גרינג צו שפּילן אין וואַרשע, למשל, אַ פּיעסע אַ 60־80 מאָל ביי געפּאַקטע הייזער, און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַן אויפפירונג זאָל קוים צוציען אַן עולם פאַר אַ 5 פאָרשטעלונגען. דיביידע זאַכן האָבן מיר דעם לעצטן סעזאָן געזען באַשיינפּערלעך אין וואַרשע. דאָס זעלבע, אין אַן אַנדער פּראָפּאָרץ, איז אין לאָדז, ווילנע, לעמבערג, קראָקע, ביאַליסטאָק, לובלין א. א. וו. מען קאָן מיט אַ גוטער טרופּע, ביי אַ גוטער רעזשי, ביי גוטע אַקטיאָרן צוציען אַן עולם, צעוואַרעמען אים, ווערן פּאָפּולער און ביי אַ „כאַפּלאַפּ"־פאָרשטעלונג ברעכט מען גלייך דעם קאָפּ. און מען האַקט אונטער די מעגלעכקייט פאַר אַ צווייטער, בעסערער טרופּע צו שפּילן אין דעם זעלבן אָרט. מען נאַרט, הייסט עס, אָפּ נישט דעם עולם־גולם, נאָר זיך און מען ברענגט שאָדן דעם יידישן טעאַטער. מען פאַרשפּילט שטאַרק מיט אַזאַ מין „שפּילן" יידיש טעאַטער. דאָס איז אַזאַ פּשוטע און פאַרשטענדלעכע זאַך, וואָס אַלע טעאַטער־אונטערנעמער און אַרטיסטן פאַרשטייען עס אויסגעצייכנט, אָבער, ליידער, גייען זיי אויף אָט דעם פאַלשן, שעדלעכן און פאַרברעכערישן וועג.

דער וועג, וואָס פירט און האָט דערפירט צום אָפּגרונט.

אונזער פּוילישע פּראָווינץ, וואָס איז אַזוי גערן צו האָבן ביי זיך אַ יידישע טרופּע, האָט אָנגעוווירן אינגאַנצן דעם צוטרוי צו די יידישע טעאַטער־טרופּעס מיט די גאַנץ־געהויבענע נעמען. לייענט די וואָכנבלעטער פון פּראָווינץ, וועט איר זען, ווי מ׳נעמט שוין איצט אויף די אַלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

מען באַדאַרף דאָ נאָך דערמאָנען דעם קראַנקן „פאַמיליע"־מאָמענט אין דעם יידישן טעאַטער, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם נישטיקן־נידעריקן מצב פון דעם יידישן טעאַטער. טרופּעס קאָנען נישט צונויפגעשטעלט ווערן ווי ס׳דאַרף צו זיין, עס קאָנען נישט איינגעלאַדן ווערן די אָדער יענע אַרטיסטישע קרעפטן אין דער אָדער יענער טרופּע, ווייל... משפּחה־אָנגעלעגנהייטן. גייען טרופּעס אונטער, ווערן טרופּעס צעפאַלן, קאָנען קיין טרופּעס נישט קאָמפּלעטירט ווערן מיט פּאַסנדיקע אַרטיסטישע כחות מחמת... משפּחה...

אָט זעען מיר, ווי עס לעבט און עס שפּילט אויך ביי זייער־שווערע באַדינגונגען אַ פּראַגער גרופּע פון דעם רוסישן קינסטלערישן טעאַטער. און עס איז פאַראַן ביי זיי אַ צוזאַמענגעשפּילטקייט, עס איז דאָ אַן אַנסאַמבל, אַ רעזשי און אַ דרך אין שפּיל. און מען האָט דערפאַר ערפאָלג. ביי אונז קענען צוויי בעסערע אַרטיסטן אָדער אַרטיסטינס אין איין טרופּע נישט שפּילן. יעדער איז אַ נאַפּאָלעאָן פאַר זיך. יעדער איז אַ חד־בדרא. איז זיך געגאַנגען א. שטיין, געפאָרן נאָך מיט עטלעכע אַקטיאָרן קיין רומעניע און איז דאָרט געוואָרן די ווי ל נ ע ר ט ר ו פּ ע. ווען האָט ער אָפּגענאַרט? פריער פון אַלץ — זיך אַליין און אויך דעם יידישן טעאַטער אין אַלגעמיין. דער עולם גראָד האָט זיך באַלד געכאַפּט דאָרט, און באַלד תופס געווען, אַז עס איז נישט דאָס...

מען קאָן ציען און ציען אָט די ביישפּילן אָן אַ שיעור און

קיין זאַכן לויט לוצקין. דאָס זענען לעבעדיקע באַשעפענישן. אַרט אים נישט די טויזנט און מער יאָריקע באַשטימונג און נעמען, וואָס מיר האָבן די ראָזיקע זאַכן געגעבן. אַ שטיין איז אַזאַ באַשעפעניש. רופט ער דאָס טאַקע אָן מיטן זעלביקן נאָמען ווי אַלע, שאַפט אָבער אַ נייעם באַגריף. און דער ניי-געשאַפענער באַגריף איז אין תוך נישט געשאַפן געוואָרן פון לוצקין, נאָר פון אונז אַלע. ער האָט דאָס אָבער, אין אַ מאָמענט, אין אַ גליקלעכער מינוט, דער ערשטער דערפילט, און אונזער געמיט אַ וווּנד געטון אויף דעם. ער האָט אונז געוויזן, אַז אַלץ, וואָס עס שטראַלט אַרויס פון אונזערע חושים און איינגעשאַפטן, בלייבט לעבן אין אַלע זאַכן, וואָס רינגלען אונז אַרום. אייגנטלעך איז עס דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם עצם פון דער גאַנצער קונסט, אין לוצקי אָבער האָט עס דערגרייכט צו אַ פאַרשאַרפטער שטאַרקער בולטקייט. לוצקי האָט אונז אַנטפּלעקט די ראַדיאָ פון די שטומסטע און טויבסטע און בלינדסטע זאַכן אויף דער וועלט. די ראַדיאָ, וואָס ווערט אויפגענומען אין דער לופט פון אונזער אויסלעבן זיך, אַלץ, מיט וואָס מיר קומען אין באַרירונג און אין נאָענטקייט ווערט אונזער בלוט-פאַרוואַנדטער, דער שטיין, וואָס ליגט יאָרן-לאַנג ביים שוועל פון שטוב און נעמט אַריין און זאַפט אַריין אין זיך אונזערע בליקן, אונזערע נשמות, וואָס האַלטן זיך אין איין מינען און וועקסלען דורכן שפּיגל פון אויג, — אָט דער שטיין, באַקומט ער רעדן נישט פאַר אונז מאָמענטנווייז דעם אויסדרוק און אפילו די באַדייטונג, ווי אַ מין באַשעפעניש, וואָס היט אונז און וואַכט אויף אונז און ווייל אונז זען... מיר זענען אָנגעטון אין די זאַכן פון דער וועלט און מיר ווערן פאַר די שטומע געגנשטאַנדן דער צענטער, דער אינהאַלט, דער תוך און דער סך-הכל. מען דאַרף באַזיצן אַ סענסיטיווע סוביעקטיווקייט, און אין דער אייגענער צייט זיין ברייט אָביעקטיוו צו קאָנען אָננעמען די וועלט, ווי לוצקי נעמט איר אָן. דאָס איז מער די פילאָזאָפיע פון די חושים און נישט פון אינטעלעקט. דאָס איז דאָס קעגנזייטיקע צונויפלעבן זיך פון מענטש און וועלט, פון חיה און זאַך. דאָס איז די קעגנזייטיקע ווירקונג, וואָס דער מענטש האָט אויף דער וועלט, און די וועלט אויפן מענטשן. לוצקי קומט און ווייזט אונז אָן מיט אַ פינגער אויף אַלץ, וואָס אונזער אויג קאָן נאָר דערזען. ער ווייזט אונז אָן, ווי מיר שפּיגלען זיך אָפּ אין יעדער קלייניקייט און אויף יעדער ווייניקייט. ער ווייזט אונז אָן, ווי די בליקן פון „אַלע לעבעדיקע און נישט-לעבעדיקע זאַכן" זענען אָנגעשטרענגט אויף אונז און ווערן באַאיינפלוסט פון אונזער מינדסטער טואונג. מיר טרעטן אויף דער ערד און דורך אונזער טראָט הערן מיר דעם אָפּקלאַנג פון אונזער גיין און אויך — דעם אָפּקלאַנג פון דער ערד. קיין זאַך איז נישט פאַר זיך אַליין. קיין זאַך איז נישט אָפּגעבונדן פון אַ צווייטער. אין די טיפסטע טיפענישן זענען מענטשן און זאַכן, שטיינען אוןביימער, הימלען און ערדן, וואַסערן און — באַנען... אַלץ איז איין וועלט. איין וווּנדער, דורך וועלכן מיר האַלטן זיך אין איין אָפּשפּיגלען אין אַלערליי פנימער און געשטאַלטן.

און אַז מיר דערזעען דעם ראָזיקן סובסטאַנץ-געראַנק דורכגעפירט קינסטלעריש דורך די לידער-בילדער פון א. לוצקי, כאַפּט אונז נישט אומזיסט אַרום אַזאַ געפיל פון פריידיקייט. עס ווערט אונז היימיש אין דער וועלט און מיט איר. די ווייטסטע זאַכן ווערן אונז נאָענט און רעדן צו אונז אויף אונזער אייגענער שפּראַך, ווייזן זיך פאַר אונז אין סימבאָלן, וואָס לעבן אין אונזער אייגענעם באַגריף. לוצקיס דיכטונג איז אַ באַפרייונג פון אומעטיקייט. ער איז די אָפּענע גאַס אין דער יידישער ליטעראַטור. די גאַס, וואָס איז פול מיט אַזוי פיל פריילעכער און שיינער שפּיל פון קינדער מיטן ערנסטן הוהא און טאַראַראַם פון דעם מאַרק, ווו די גרויסע טומלען זיך אַרום. די גאַס, וואָס פאַרוואַנדלט אַלע קולות און אַלע שטימען אין איין געזאַנג, וואָס שלאָגט זיך אָן ביז דער הויך פון די דעכער, ווייטער און העכער ווערט עס לויטערער און ליכטיקער און אָן אייביק קלאָרער הימל דערפרישט דאָס אויג, וואָס קאָן זיך אַרויסכאַפּן פון דער נידער און אויף אַ רגע זיך פאַרקוקן און פאַרוווּנדערן.

איז, ווי געזאָגט, אַ פרייד צו פילן די צוגעבונדנקייט פון אייגעם צום אַנדערן און פון אַלע צו דער וועלט, אין לוצקיס לידער, און פון דעם ראָזיקן געפיל ווערט שוין געבוירן אַ פרייד אין איטלעכן באַזונדער — אַ באַזונדערע פרייד. זעען מיר יעדע זאַך, דורך לוצקיס אויג, אין זיין באַזונדערקייט, אין אַ העלקייט און אין אָן אָפנקייט. נישטאָ קיין סודות, קיין באַהעלטעניש. דורך טויזנטערליי אופנים זוכן זאַכן זיך אויסצוזערן, זיך אַרויסגעבן, זיך עפענען און זיך פאַנאַנדערזינגען און פאַנאַנדערשפּילן. דערפאַר אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון פאָרמען און אויסדריקן אין די זאַכן און באַשעפענישן אויף דער ערד. דורך דער פאָרם גופא רעדט דער תוך. דערציילט זיך דער עצם, דאָס אינערלעכע, דאָס, וואָס איז איינגעהילט אין דער פאָרם און איז — אויך פאָרם, פאָרם אין אינהאַלט. ווייל אין אמתן ווייזט אונז לוצקי נאָר די פאָרמען פון די זאַכן, וואָס ער זעט. דער אינהאַלט זייערער ליגט שוין אין דעם אויפנעמען פון אונזער ערפאַרונג. מיר געניסן הויפּטזעכלעך דאָס בילד, וואָס לוצקי דעקט אויף פאַר אונז דורך זיין ברייט ליכט. — דורך דעם לירישן הומאָר, וואָס ער מאַכט לייכטן אויף אַלץ, צו וואָס ער רירט זיך צו. אָט דאָס לירישע, דאָס ליכטיק-לירישע, וואָס אין לוצקין, איז די שטאַרקסטע דיכטערישע מעלה זיינע. אָן דעם וואָלט זיין דיכטונג, מיט איר גאַנצער איינגאַרטיקייט און טשיקאַווערדיקייט, פאַרלוירן אַ גאָר היפּשן פּראָצענט. זי וואָלט געוואָרן אַן אויסגעטראַכטע, אַ פאַרמשלטע און פאַרנמשלטע. איר פאַרמענטשלעכן די אַלערליי סוביעקטיוון וואָלט אָנגענומען אַ פאָרם פון מוסר-השכלדיקייט און אַלעגאָריע, און לוצקיס וועלט וואָלט געוואָרן אַן ענגע, אַ פאַרשטיקטע און פאַרווינקלטע.

קומט אָבער דאָס לירישע און זאָגט איבער אַלע זאַכן און אַלע איינפאַלן און קלוגשאַפטן און חכמה, אין וועלכער לוצקי מאַכט רעדן און לעבן זיינע זאַכן.

דאָס וווּנדערלעכע, איינס פון די בעסטע לידער לוצקיס און אפשר איינס פון די שענסטע לידער אין דער מאָדערנער דיכטונג אונזערער, זיין ליד: „פאַרנאַכט".

מיינסט נאָר דו אַליין ווערסט אומעטיק פאַרנאַכט?
אַלע זאַכן אויף דער אומעטיקער ערד
ווערן .אומעטיק פאַרנאַכט.
זע די אויפגעגלאָצטע הייזער.
די דערשראָקענע שילדן.
דאָס בלאַסע שפּענדעלע פאַר דיינע פיס.
די גראָזן ציטערן ווי קליינע קינדער
אויף די פינסטערע פעלדער.
אַפילו דאָס רוישן פון די ווייטע וועגענער
ביי די ווענט פון דער וועלט.
דו הערסט?

וואָס פאַראַ מיסטישער ציטער עס ציט דורך דורך די קוים-ארויסגעוועטערטע שורות, אין וואָס פאַראַ הויכער לעגענדאַרישקייט און וויזיע די וועלט האָט פאַר אונזער אינערלעך אויג אויפגעהעלט. און טיף-טיף האָט דער דיכטער ז י ך דערפילט, דערשפּירנדיק אין זיך דאָס אייביקע פון שטימונג, די שטימונג, וואָס האַלט אומעטיק די וועלט. לוצקי ברענגט די טרייסט צום מענטשן, וואָס לעבט אין פאַרנאַכטיקן טרויער, אַז

מיינסט דו אַליין ווערסט אומעטיק פאַרנאַכט?
אַלע זאַכן אויף דער אומעטיקער ערד
ווערן אומעטיק פאַרנאַכט.

א ל ע  וו י ל ן  וו א ר ע מ ק י י ט

גאָלדנזייגערל.
האָלצנקעסטעלע.
שטויבנשטיגדעלע.
איך פיל די פרייד אין זיי,
איך זע געבעט אין זיי:
גלעט מיך.
האַלט מיך
מונטער.

„אַלע ווילן וואַרעמקייט", און לוצקי האָט אַריינגעבלאָזן אַ וואַרעמען אָטעם, בלוט און לעבן אין אַלע שטומע קאַלטע זאַכן — איז אונז אויך דערפון וואַרעמער געוואָרן, אַ וואַרעמע לופט האָט גענומען שוועבן אויף דער אומעטיקער וועלט און דער אומעט איז אונז נענטער געוואָרן, געוואָרן אַ פ ר יי ד י ק ע ר, ווייל אַן אייגענער, אַ ל ע מ ע נ ס  א ו מ ע ט און מען קאָן פון אים אַרויסזינגען און אויפגיין אין דער גרויסער האַרמאָניע פון דער וועלט.

ד״ר מיכאל ווייכערט / וואַרשע

# דאס לעבן פון עלעאנארא דוזע

עלעאָנאָרא דוזע איז געווען די באַרימטסטע דראַמאַטישע אַרטיסטין אין סוף פון פאַרגאַנגענעם און אָנהויב פון קייט אירע, וואָס היינטיקן יאָרהונדערט. די באַרימטהאָט זיך פאַראיר מוטערלאַנד, אישפרייט ווייט איבער די גרענעצן פון טאַליע, אין אַלע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, איז געווען אַ פּועל-יוצא נישט אַזוי פון איר אַקטיאָרישער מייסטערשאַפט, ווי פון איר אומפאַרגלייכלעכקייט און איינציקאַרטיקייט.



עלעאָנאָראַ דוזע
(אין דער ראָל פון דזשאָקאָנדאַ)

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס אָט דער פענאָמען האָט גערייצט ליטעראַטן און קריטיקער, צו דערגיין דעם סוד פון דער דערשיטערנדיקער ווירקונג אויף טויזנטער און טויזנטער מענטשן. עס איז נישט געווען קיין איין צייטונג, איין זשורנאַל אין דער וועלט, וואָס זאָל נישט דערציילן מיט באַגייסטערונג וועגן דער דאָזיקער גענ יאַלער קינסטלערין. נאָך איר טויט — אין יאָר 1924 — האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביכער וועגן איר. איינס פון זיי — און איך מוז גלייך צוגעבן: איינס פון די אינטערעסאַנטסטע — ליגט פאַר מיר. עס רופט זיך: „דאָס לעבן פון עלעאָנאָרָא דוזע", איז אָנגעשריבן אויף דייטש פון ע. א. ריינהאַרדט און איז אַרויס אין באַוווסטן פישער-פאַרלאַג אין בערלין*).

דער שרייבער פון אַן אַקטיאָרישער מאָנאָגראַפיע האָט בכלל אַ שווער שטיקל אַרבעט. האָט ער אַליין געזעען דעם אַרטיסט אין אַלע יאָרן פון דער סצענישער אַנטוויקלונג, קאָן ער שעפּן פון אייגענעם זכרון, און דאָס בילד פון אַרטיסט — ווי סוביעקטיוו עס זאָל נישט זיין—וועט זיין איינהייטלעך און גאַנץ. אָבער אַזאַ פאַל טרעפט זיך זעלטן. געוויינטלעך שטיצט זיך דער שרייבער פון אַ מאָנאָגראַפיע אויף איינדרוקן פון אַנדערע: רעצענזיעס, אַרטיקלען, נאָטיצן, פאַרציילונגען, אַנעקדאָטן. זיי שטאַמען פון פאַרשיידענע מענטשן, פון פאַרשיידענע צייטן און זענען אָפט סותר איינס דאָס אַנדערע. בלייבן פאַר דעם באַשרייבער דריי וועגן: אָדער אַריינלאָזן זיך אין אַבסטראַקטע חקירות וועגן אַקטיאָרישער שאַפונג און אילוסטרירן מיט די שאַפונגען פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר. די כּללים צו וועלכע ער איז דערגאַנגען; אָדער אַנאַליזירן גענוי די ראָלן, וועלכע יענער אַקטיאָר האָט געשפּילט און די דראַמעס, אין וועלכע ער האָט געשפּילט (ראָלן אין דראַמעס זענען פאַראַן און מען קאָן זיי שטענדיק באַנוצן) און אויפן סמך פון פרעמדע און אייגענע איינדרוקן איבערגעבן, ווי אַזוי יענער אַרטיסט האָט די ראָל און דאָס שטיק באַנומען און געשפּילט; אָדער פאַרלירן זיך אינגאַנצן אין אַנעקדאָטיש מאַטעריאַל און הינטער-קולים-מוטלעריי. פאַראַן נאָך אַ פערטער וועג, וואָס פאַרבינדט די אַלע דריי מעטאָדעס און דערלאַנגט אַ מישמאַש פון אַלגעמיינע כּללים, אַנאַליז פון ראָלן און מער אָדער ווייניקער פּיקאַנטע אַנעקדאָטן.

ס'איז קלאָר, אַז דער ווערט פון אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס, איז פאַר דער טעאַטער-פאָרשונג אַ קנאַפּער, פאַר דער ליטעראַטור — אַ נישטיקער. דעריבער האָבן די מאָדערנע שרייבער געמוזט זוכן אַנדערע וועגן און אַנדערע מעטאָדן.

קודם-כּל האָבן זיי אַריינגעצויגן דאָס **לעבן** פון אַרטיסט אין זייערע באַטראַכטונגען אויף גאָר אַן אַנדערן אופן, ווי מען פלעגט דאָס טון ביז איצט. ביז נישט לאַנג האָט מען פון דעם לעבן פון אַקטיאָר גענומען בלויז די וויכטיקסטע ביאָגראַפישע דאַטעס, די פאַרשיידענע אַנעקדאָטן און דאָס ביסל יאָגעניש נאָך כּבוד און קאַמף מיט די חברים. אַלץ **אויסערלעכע** פאַקטן און געשעענישן. וועגן איבעריקן האָט מען געשוויגן. אפשר איז אויך גלייכער געווען צו שווייגן. צוליבן כּבוד פון אַרטיסט. אַ תּירוץ האָבן יענע ביאָגראַפן געפונען אין דער מיינונג, אַז דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַקטיאָר און דאָס שאַפן אויף דער בינע — דאָס זענען צוויי פאַרשיידענע וועלטן. אין פלוג גענומען, קאָן זיך אַזוי אויסדאַכטן אַ יעדן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי עס בייט זיך דער אַקטיאָר, ווען ער קומט אַרויס אויף דער בינע און דערפילט דאָס ליכט פון ראַמפּע און דעם אָטעם פון פּובליקום. אָבער פאַר די, וואָס האָבן זיך פאַרטראַכט טיפער וועגן בינע און אַקטיאָר, איז שוין לאַנג קיין סוד נישט, אַז דער קוואַל, פון וועלכן דער אמת-גרויסער אַקטיאָר שפּייזט זיינע סצענישע געשטאַלטן, איז זיין אייגענע **מענטשלעכקייט**.

אַז אָט דער געדאַנק איז נישט חל אויף **אַלע** באַדייטנדיקע אַקטיאָרן — מוז גלייך געזאָגט ווערן. מען וואָלט געקאָנט איינטיילן אַלע „גרויסע" אַקטיאָרן אין צוויי גרופּעס: איין אַזעלכע, וואָס זייער כּח ליגט אין דער **מייסטערשאַפט** זייערער, אין דעם באַהערשן דעם רייכן רעגיסטער פון מיטלען, וואָס טאַלענט, אַרבעט און דערפאַרונג האָבן צונויפגעטראָגן און אַנדערע, וואָס די ווירקונג זייערע נעמט זיך פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען, פון זייער **זעלישער באַציִונג** צו דער פאַרקערפּערטער געשטאַלט אויף דער בינע. דעם ערשטן מין באַוווּנדערן מיר, דער צווייטער — טרייסלט אונז אויף. דעם ערשטן אַפּלאָדירן מיר שטאַרק אין טעאַטער און פאַרגעסן אים באַלד, דער צווייטער פאַרבלייבט אין אונזער זכּרון. שניידט זיך אַריין אין אונזער אייגן לעבן און נישט אויף איין טאָג אונזערן האָט ער אַ השפּעה. דער באַדייטנדיקסטער פאָרשטייער פון ערשטן טיפּ איז אין די פאַרגאַנגענע יאָרצענטן געווען סאַראַ בערנהאַרדט, פון צווייטן — עלעאָנאָראַ דוזע.

שרייבן וועגן דעם ערשטן טיפּ קאָן מען צוליב וועלכער-נישט-איז געלעגנהייט: גאַסטראָל, יוביליי, טויט, באַשטעלונג פון צייטונג אָדער פאַרלאַג. שרייבן וועגן צווייטן טיפּ קאָן מען נאָר פון אייגענער איבערלעבונג און מיטגעריסנקייט. און אפילו דער אָנרעג — אויב ער איז נישט קיין אייגענער — מוז קומען פון אַזאַ פּערזאָן.

דערציילט טאַקע ע. א. ריינהאַרדט, אַז דעם אָנשטויס צו זיין אַרבעט האָט אים געגעבן יענע פרוי, וואָס איז געווען יאָרנלאַנג די נאָענטסטע פריינדין פון עלעאָנאָראַ דוזע: אָלגאַ איוואַנאָוונאַ רעזנעוויטש-סיגנאָרעלי. זי האָט אים „אַזוי פיל און אַזוי אינטענסיוו דערציילט, ביז עס האָט זיך אים צוזאַמען מיט זיין אייגענער איבערלעבונג פון גרעסטן טעאַטער, וואָס עס איז אים געווען באַשערט איבערצולעבן, אָנגעהויבן צו פורעמען דאָס ערשטע לעבעדיקע בילד פון לעבן פון עלעאָנאָראַ דוזע". ער האָט דאַן גענומען זוכן פאַרשיידענע וועגן, צו געבן געשטאַלט דעם דאָזיקן בילד. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ סך פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געקענט דוזע אין פאַרשיידענע צייטן פון איר לעבן, ער האָט דורכגעשטודירט די גאַנצע דוזע-ליטעראַטור, ביכער, פּובליקאַציעס אין צייטונגען און זשורנאַלן, זכרונות, אַנעקדאָטן און אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום לעבן פון דוזע.

עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז אויף ריינהאַרדטס בוך האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה די מאָדערנסטע ריכטונג אין די קרייזן פון ביאָגראַפן, וועלכע האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ ביאָ-

*) Das Leben der Eleonora Duse von E. A. Rheinhardt. 1928. S. Fischer-Verlag, Berlin.

איר געוואָרט. אינגאַנצן געזונט איז זי קיינמאָל נישט געווען. פון איר מוטער האָט זי באַקומען בירושה אַ לונגען-ליידן און זי איז אָפט געווען געצוווּנגען אָפּצורופן פאָרשטעלונגען, איבערצורייסן אויף חדשים דאָס שפּילן. דערנאָך איז נאָך צוגעקומען אַן אויגן-קרענק. און די דאָקטוירים האָבן צוגענומען ביי איר דאָס טייערסטע אויף דער ערד: זיי האָבן איר פאַרווערט צו שפּילן טעאַטער.

צען יאָר באַווייזט זיך דוזע נישט אויף דער בינע. זי פירט אַ שטיל, אָפּגעשיידט לעבן, פאַרטיפט אין געדאַנקען, פאַרזונקען אין זיך. זי שאַפט זיך אַ ניי וועלטל פון רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און געפילן. אָבער איר איז נישט באַשערט רויק אויסצולעבן אירע יאָרן. עס קומט די מלחמה, די אינפלאַציע. זי פאַרלירט דאָס ביסל פאַרמעגן, וואָס איז איר פאַרבליבן פון אַמאָל, נאָכדעם, ווי זי האָט עס געהאַט מיט אַ ברייטער האַנט פאַרטיילט צווישן אַנדערע, נאָענטע און פרעמדע מענטשן. זי מוז נעמען פאַרדינען, און ווייל זי האָט קיין אַנדערע מלאכה נישט געלערנט, נעמט די 61-יעריקע פרוי ווידער שפּילן טעאַטער, אָן אינערלעכן דראַנג, נאָר כדי צו קאָנען לעבן. און ווידער וואַנדערונגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, איטאַליע, אויסלאַנד, אַמעריקע, ביז אין פּענסילוואַניע, אין פּיטסבורג, ווערט איסגעלאָשן דאָס גרויסע ליכט.

אין עטלעכע קאַפּיטלעך שילדערט ע. א. ריינהאַרדט דערציילנדיק דאָס לעבן פון דעם מענטש עלעאָנאָראַ דוזע. נישט די אויסערלעכע געשעענישן זענען פאַר אים גרענעץ-שטיינער, נאָר די טיפע אינערלעכע איבערלעבונגען פון דער געשילדערטער געשטאַלט. וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן לאַנד, צייט, טעאַטער, וועגן דער אַקטריסע און אירע ראָלן, וועגן דער קאָנקורענץ מצד סאַראַ בערנהאַרדט — נעמט ער צונויף אין דריי באַזונדערע קאַפּיטלעך און רופט זיי אָן: „צווישן-באַמערקונגען פון ביאָגראַף". זיי זאָלן זיך נישט מישן אין דעם גאַנג פון דער דערציילונג.

האָסטו דורכגעלייענט די ביאָגראַפיע פון יענער וווּנדערבאַרער פרוי, וואָס האָט אויף דער בינע כמעט קיין שמינקע נישט באַנוצט, וואָס האָט פיינט געהאַט פּאַרפומען, צירונג און אַלע ווייבערישע זאַכן און איז דאָך געווען פרוי, אינגאַנצן פרוי... פון יענער וווּנדערפולער אַרטיסטין, וואָס האָט אין לעבן נישט געהאַט קיין ניצוץ פון טעאַטראַליק, האָט פיינט געהאַט רעפּאָרטערן, אינטערוויוען, רעקלאַמעס און ערפאָלג — ווערט דיר דאָס העראָישע לעבן נאָענט און טייער, פונקט ווי עס איז דיר נאָענט און טייער דאָס העראָישע לעבן פון בעטהאָווען אין דער דערציילונג פון ראָמען ראָלאַן.

# א אינטערעסאַנטער בריוו פון מאָריס ראָזענפעלד

אין טאָראָנטער „יידישן זשורנאַל" פאַרעפנטלעכט יוסף האַלצער פאָלגנדיקן בריוו פון דעם באַרימטן יידישן דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורכן דיכטער (אויגוסט 1908) צו ד"ר אַרנאָלד קיש, אויבער-ראַבינער אין בודא (אַ טייל פון שטאָט אין בודאפּ.). דער ד"ר א. קיש איז, אגב, דער איבערזעצער פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער אויף אונגאַריש.

צו דעם האָכגעשעצטן ראַבינער ד"ר קיש אַרנאָלד!

מיין טייערער און פאַרערטער פריינט: —

אייער לעצטן בריוו האָב איך ריכטיק דערהאַלטן. איך דאַנק אייך פאַר אייער שנעלע אַרבעט צו באַשטימען דעם דאַטום אויף דעם 14-טן אָקטאָבער ח' המועד סוכות. איך האָף, אַז איר וועט ביי מיין פאָרלעזונג אין בודאַפּעשט האַלטן אַ פאָרטראַג און עס וועלן נאָך אפשר אויך אַנדערע מיינע לידער אין אונגאַריש אָדער דייטש פאָרלעזן, אום איך זאָל נישט דאַרפן צופיל זיך אָנשטרענגען.

וואָס מיינע לידער, וועלכע איך זאָל פאָרטראָגן אָנבאַטרעפט, ווייס איך נישט אויב זיי לאָזן זיך איבערזעצן, ווייל זיי זענען ספּעציפיש-יידיש און איך גלויב קוים זיי זאָלן מאַכן אַ גרויס אויפזען אין אונגאַריש. איבעריקנס וועל איך אייך צושיקן 2 לידער און זעט, וואָס איר קענט מיט זיי מאַכן.

וועגן מיין קראַנקייט און מיין ערהאָלונג איז שוין פיל אין אייראָפּע געשריבן געוואָרן, דאָס איך האָב כמעט וועגן דעם נישט וואָס צוצוזעצן. די הויפּט-סיבות פון מיין שווערער קראַנקייט, וועלכע האָט מיר אָנגעקגעלייגט אויף אַ קראַנקן-בעט אויף גאַנצע דריי יאָר, זענען געווען צוויי: ערשטנס האָבן זיך מיר אָפּגערופן אַלע שווערע און ביטערע ליידן פון מיין אומגעלונגענער יוגנט. דאָס פריע וואָגלען אין דער פרעמד אָן מיטל און פריינט, די איבערמענטשלעכע אַרבעט אין די פינסטערע שוויצבודן (פאַבריקן) פון ענגלאַנד און אַמעריקע; די גרויסע אָנשטרענגונג פון אַרבעטן גאַנצע טעג אין פאַבריק און שרייבן גאַנצע נעכט מיינע לידער, נישט האָבנדיק דערצו די נויטיקע פּפלעגע, די גוטע לופט און די נאַרהאַפטע שפּייזן; די ביטערע זאָרג צו ערנערן אַ פרוי און קינדער, דאָס אַלעס האָט זיך מיר אַריינגעלייגט טיף אין די ביינער. דאַן איז געקומען די צווייטע גרויסע סיבה, דאָס גרעסטע אומגליק פון מיין לעבן: דער טויט פון מיין בן-יחיד, מיין טייערן יוסף, אַ גאון, אַ דיכטער און אַ פאָרשער, וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין ריינע, נאָבעלע זעעלע אין דער פריער עלטער פון 15 יאָר. ער איז געשטאָרבן פון דער טויטלעכער קראַנקייט, אַ מין קרעפּס-געוויקס. ער האָט דאָס געקראָגן אויפן רעכטן שולטער, און נאָכדעם, ווי מען האָט זיין רעכטע שולטער-פּלאַטע אַרויסגעשניטן, איז אים די קראַנקייט אַריין אין קריין. נאָך אַ העלישעס ליידן פון די אומבאַשרייבלעכסטע קוואַלן און ענויים קשים פון כמעט איין גאַנצעס יאָר, איז ער געשטאָרבן.

דאָס זענען געווען די אורזאַכן פון מיין פּאַראַליזירונג און בלינדקייט, וואָס האָבן געדויערט ביז מיט אַכט מאָנאַט צוריק, אין גאַנצן געזונט קען איך שוין קיינמאָל מער נישט זיין. איך בין נערוועז און לייד פון אַבסאָלוטע שלאָפלאָזיקייט. מיינע יעצטיקע פאָרלעזונגען, די אויפרעגונג, דאָס פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערע ווירקן פאָרדערבלעך אויף מיין שוואַכן קערפּער, אָבער איין גאָט ווייס, דאָס איך מוז דאָס טון. דאָס ביסל אייגנס, וואָס איך האָב געהאַט, האָט דער יעצטיקער שווערער קריזיס אין אַמעריקע אינגאַנצן רואינירט און איך מוז יעצט, שוין צו די עלטערע יאָרן צעבראָכן און צעשמעטערט אין געזונט, אָנהויבן זוכן נייע מיטל צום לעבן און זיך ווי עס איז איינפיקסען פון דאָס ניי. צו די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אייך דאָ אויסגערעכנט, האָב איך נאָך מאַסן שונאים צווישן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע פאַרגינען נישט מיין פּאָפּולאַריטעט און וואָלטן מיך דערטרונקען פאַר האַס און נייד. עס איז זיי קיין מיטל נישט צו-שווער, קיין נידערטרעכטיקייט נישט צו-נידערטרעכטיק. זיי ווענדן אָן אַלעס מעגלעכס מיר אויף שריט און טריט צו שאַדן. זיי קענען מיר גאָרנישט טון, זיי האָבן קיין איינפלוס, מיין 30-יעריקעס לעבן אין אַמעריקע איז אַן אָפענער בוך פאַר אַלע יידן פון יענעם לאַנד, מיינע שונאים קענען מיר אויף קיינעם פאַל נישט גרייכן.

דאָך איז מיר נישט אָנגענעם מאַנכעס מאָל זיי צו אָנטוואָרטן. דאָס איז אין קורצן אַלעס, וואָס איך קען אייך זאָגן. אין איניקע טעג וועל איך אייך צושיקן צוויי לידער. מער קיין נייעס ווייס איך אייך פאַרלויפיק נישט מיטצוטיילן. אויב אייך איז אינטערעסאַנט, קען איך אייך שרייבן, דאָס דעם 31-טן אויגוסט וועל איך פאַרלעזן אין קראָקע, און טאַקע די זעלביקע נאַכט אָפּפאָרן נאָך טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, אויף דער קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך. דאָרט וועלן זיין פאַרטראָטן די גרעסטע יידישע שרייבער פון אייראָפּע און אַמעריקע. די קאָנפערענץ וועט דויערן פון דעם ערשטן ביז דעם דריטן סעפּטעמבער. די קאָנפערענץ מאַכט אַ ספּעציעלן אָוונט פאַר מיר אין דעם גרויסן דייטשן טעאַטער, ווו אַלע גרויסע און באַרימטע יידישע ליטעראַטן וועלן מיטווירקן. דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז צו רעווידירן די גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך, צו שאַפן מיטל אַרויסצוגעבן ניצלעכע, וויסנשאַפטלעך-פּאָפּולערע און ליטעראַרישע ביכער פאַרן פאָלק פאַר ביליקע פרייזן און איבערהויפּט, צו באַווייזן מיט אייזערנע פאַקטן, דאָס יידיש איז אַ שפּראַך, אין וועלכער מען קען דיכטן און פילאָזאָפירן און שרייבן טעכנישע ווערק, פונקט ווי אין יעדער ציוויליזירטער שפּראַך פון דער וועלט. מיר ווילן אַראָפּנעמען דעם פאָרורטייל פון אונזער מוטער-שפּראַך, וועלכע ווערט גערעדט פון זיבן מיליאָן יידן.

איך וועל פאַרבלייבן אין גאַליציע ביז דעם 16-טן סעפּטעמבער איך וועל אין דיזער צייט פאָרלעזן אין לעמבערג, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, בראָדי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, טאַרנאָוו און אַנדערע שטעט, און דעם 20-טן וועל איך לעזן אין פּראָג אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם גרעסטן באָהעמישן דיכטער, פּראָפעסאָר יאַראָסלאַוו ווירטשליצקי. דאַן בין איך איינגעלאַדן אין ווין, פראַנקפורט א. מ., בערלין און האַמבורג, און אויף ניו-יאָרק האָף איך צו זיין אין אַמעריקע.

מיט האָכאַכטונג צו אייך און אייער האָכפאַרערטער און געשעצטער פרוי און מיט האָפנונגען זיך מיט אייך צו זען, אייער גאַנץ ערגעבנסטער און דאַנק —

מאָריס ראָזענפעלד.

קראָקע, אויגוסט, 20, 1908.

# בלוט אויף דער פאָן

פון **מלך ראַוויטש**

סאָציאַלע דראַמע אין עלף בילדער

עלפטער עטאַפּ

## פּאַרטאָג אין תּפיסה

(זאַמל־צעלע אין אַ וואַרשעווער תּפיסה. אין הינטערגרונט אין דער מיט אַ פענסטער מיט קראַטעס. אַן עלעקטריש לעמפּל, איינגעהילט אין שפּינוועבס, לייכט שוואַך פון דער סטעליע אַראָפּ. שווערע איינגאַנגסטיר לינקס. נאַרעס)

ערשטער פּאָליטישער
צווייטער פּאָליטישער
דריטער פּאָליטישער
פערטער פּאָליטישער
ערשטער קרימינעלער
צווייטער קרימינעלער
דריטער קרימינעלער
וועכטער
מאָטע שטשערב

(דריי פּאָליטישע ליגן געלאַנגווײַלט אויף די נאַרעס)

פערטער פּאָליטישער
(די טיר עפנט זיך שווער, ער קומט אַריין, קוקט זיך אַרום)
גוטן אָוונט, חברים —
אָדער נישט?
פינסטער אזוי —

ערשטער פּאָליטישער
ד'ערוויילע חברים,
וואָס באַלד וועט זיין ווייסט דער טייוול.

צווייטער פּאָליטישער
און אייך ווו האָט מען געפּאַקט?

פערטער פּאָליטישער
אין בעט.

דריטער פּאַליטישער
און אַ רעוויזיע?

פערטער פּאָליטישער
געמאַכט, ווי דען אנדערש?

ערשטער פּאָליטישער
און?

פערטער פּאָליטישער
יאָרן־לאַנג שימלען אַלטע דייטשע ברויטקאַרטן
אין מיינע קעשענעס,
פאַרשימלטער צאָרן פון דריי אומזיסטע נעכט אויף דער גאַס —
האָט מען זיי ענדלעך אויסגעראַמט,
און דערצו עטלעכע וויכטיקע דאָקומענטן,
אָבער אויך שוין פאַרעלטערט —
אויסגעפאָרענע טראַמוויי־בילעטן —
(אַלע לאַכן)

ערשטער פּאָליטישער
איר זענט פון וואָס, חבר?
פערטער פּאָליטישער
פון שלאָסער־פאַך.

ערשטער פּאָליטישער
נישט דאָס פרעג איך.

פערטער פּאָליטישער
אַ מאַן פון אַ שלעכט ווייב.
איצט זענט איר שוין צופרידן.

ערשטער פּאָליטשער
איך זענט אַביסל אַ מאָדנער חבר.

פערטער פּאָליטישער
נאָך מער אָבער מאָדנע זענט איר.

ערשטער פּאָליטישער
צווישן חברים געפינט איר זיך דאָ,
באַנעמט אייך חבריש

פערטער פּאָליטישער
איר אָבער זענט קינדער,
מיט קינדער איז לייכטער צו שטיפן,
איידער חבריש צו זיין.

ערשטער פּאָליטישער
איך קערט מיר זיין פון דער סמאָטשע,
די יידישע חוצפה שיינט אייך פון דער נאָז
אפילו אין דער פינסטער דאָ.

דריטער פּאָליטישער
זי איז אַביסל צו־לאַנג,
פאַלט מער לייכט אויף איר,
זעט מען. נעמט נישט פאַר אומגוט, חבר.

צווייטער פּאָליטישער
שווער זיך צו דערערדן אפילו דאָ,
כאָטש דאָ וואָלט זיין געדאַרפט
די פאַרווירקלעכונג פון אינטערנאַציאָנאַל.
איינע פיר ווענט פאַר אַלעמען,
איינע קראַטע אין פענסטערלאַך,
איין שווערע טיר,
איין דרעק-עמער אין ווינקל.

פערטער פּאָליטישער
כ'האָב פיינט צו ענטפערן,
ווען עס פרעגן מענטשן, וואָס איך קען נישט.
דער מוח איז א גוטער פריינט,
אָבער שוין די אייגענע צונג איז א שונא,
א שפּיאָן,
פרעסט, ווי א גראָבער רויטער וואָרעם, דיין ברויט
און דינט דער פּאָליציי,
ווען נישט די צונג וואָלט שוין לאַנג
די סאָציאַלע רעוואָלוציע
געווען אומעטום.
און די תּליות — האַלץ אין אָרעמע שטיבער,
און די ביקסן — פאַרזשאַווערט.

ערשטער פּאָליטישער
נו, גענוג שוין אַן אימה אָנגעוואָרפן,
זעצט אייך נעענטער, ווייזט אייער פּנים.
מען וועט אויף גאָרנישט פרעגן מער,
מען איז גאָרנישט נייגעריק,
אָבער פּלאַפּלען מעג מען דאָך.

פערטער פּאָליטישער
(זעצט זיך צו)
צום פאַררייכערן איז דאָ?

ערשטער פּאָליטישער
נעמט ביי מיר און זאָל זיין שלום,
גלויבט מיר, אַז איך בין אויך נישט א היינטיקער.

פערטער פּאָליטישער
און איר, חברים, ווו האָט מען אייך געפּאַקט?

ערשטער פּאָליטישער
ביים מיטאָג, אהיימגעקומען פון דער דעמאָנסטראַציע.
אפשר דאָס ערשטע מאָל אָן א לאָד אין לייב,
געמיינט דאָס ערשטע מאָל אין ערשטן מאַי
אין בעט אין אייגענעם צו נעכטיקן
נישט באַשערט געווען,
עס ביים זיך נישט די וועלט — ווייזט אויס,
אָבער מאָרגן וועל איך זיי די טיר צעשפּאַרן,
נישט דערפאַר האָב איך זיבן וווּנדן אין לייב
כדי דאָ צו זיצן.

צווייטער פּאָליטישער
מיט מיר איז שווערער — א דייטש,
האָבן הריוו פאַרנומען, א גאַנצן פּאַק,
ווייבערישע, פּלאַפּלדיקע, פאַרליבטע — מיין ווייבס,
וועלן ברעכן זיך די ציין אויף די דייטשע בריוו
און איך וועל זיצן דערווייל,
און גלאַט, דער טייוול ווייסט, וואָס א ווייב פאַרגלוסט זיך
צו שרייבן.

דריטער פּאָליטישער
גליקלעכע חברים,
קינדער-מעשיות און א טומל מאַכן זיי,
פון מזרח בין איך, איינער, וואָס נעמט עס ערנסט,
געפינען האָט מען א גאַנצן פּאַק,
און קיין איין אַלטע פאַרשימלטע ברויטקאַרטע נישט,
אָ, איך זיץ פעסט, נישט אויף איין ערשטן מאַי —
(טיפע זאָרגן ביוגן נידעריקער זיין קאָפּ)

ערשטער פּאָליטישער
שאַ, מען גייט שוין ווידער,
אַן אומרויקע נאַכט,
מען דאַרף א קאָמענדאַנט.

צווייטער פּאָליטישער
זייט איר, איר זענט דער עלטסטער,
זיצט שוין דאָ פון מיטאָג אָן.

וועכטער
(פירט אַריין דריי קרימינעלע, איינער פון זיי איז שיכור, שליסט די טיר)

ערשטער קרימינעלער
(שיכור)
גוטן אָוונט, ברידערלעך,
אַ, עס וועט פריילעך זיין,
אזאַ קורצע, וואַרעמע נאַכט,
וועט לייכט אַריבער,
העי, ווער האָט פון אייך א טרונק?

ערשטער פּאָליטישער
נישט קיין ברידערלעך,
נישט קיין טרונק פאַר אייך.

צווייטער פּאָליטישער
מען דאַרף א קלאַפּ טון צום וועכטער,
וואָס פאַרא געמישטע געזעלשאַפט דאָ?

ערשטער פּאָליטישער
(קלאַפּט שטאַרק, וועכטער קומט אַריין)

וועכטער
וואָס איז? שוין?

ערשטער פּאָליטישער
מעלד ווו מען דאַרף, אַז מיר ווילן נישט זיצן צוזאַמען מיט
קיין קרימינעלעו

וועכטער
וואָס פאַרא קרימינעלע?
גלאַט פריילעכע חברה,
זייט חברים, מאַכט נישט קיין טענה,
באַשווערט נישט אַן אַרבעטס-מענטשן די אַרבעט.

ערשטער פּאָליטישער
נישט אייער זאַך!
איר דאַרפט גיין און מעלדן, ווו מען דאַרף,
אונזער ווילן!

וועכטער
(אין איראָנישער אַכטונג־שטעלונג)
לויט באַפעל, הער רויטער גענעראַל!
(אָפּ)

ערשטער פּאָליטישער
א האַלבע שעה וועט מען וואַרטן רויק,
און שפּעטער וועט מען אים דעמאָנסטרירן אונזער ווילן,
די שוואַרצע מנהגים מוזן פאַרשווינדן!

וועכטער
(עפנט ווידער די טיר גאַנץ שטיל, וויל, מען זאָל נישט באַמערקן, פירט אַריין מאַטע שטשערב. אָפּ)

ערשטער פּאָליטישער
(כאַפּט זיך אויף, מיט איין שפּרונג ביי דעם קראַטקעלע אין טיר)
ווער איז דאָס שוין ווידער?
מ׳האָט דאָך ערשט גערעדט וועגן עפּעס.

וועכטער
(שריט אַריין דורך דער קראַטקע)
שוין דער לעצטער קרימינעלער,
פון איצט אָן וועל איך פירער די וויזיטקאַרטע
צום באַקוקן אריינברענגען — הער רויטער גענעראַל.

(די קרימינעלע לאַכן)

ערשטער פּאָליטישער
ווער דאָס איז, פרעג איך
און איר דאַרפט ענטפערן אָנשטענדיק!

וועכטער
א פריילעך יונגל,
מיט א מיידל אים געכאַפּט אינמיטן גאַס.

ערשטער קרימינעלער
בעסער וואָלסטו אונז דאָס מיידל אהערגעבראַכט,
איידער אָט דעם דראַנג.
(גייט צו צו דער קראַטקע)
וועכטער, אויך מיר האָבן א טענה,
גיב אונז דאָס מיידל אהער,
און זיי נעם צון וועכטערן!
אזיסט וועלן מיר מאַכן —
מאַכן א — טרינקשטרייקן

(די קרימינעלע לאַכן)

צווייטער פּאָליטישער
דיזר אינטערנאַציאָנאַל
פאַרבּרייטערט זיין מאַכט

דריטער פּאָליטישער
עפּעס א מאָרנער יונג,
זאָג, ווער ביזטו אייגנטלעך?

מאַטע שטשערב
נישט דער, וואָס דער וועכטער האָט געזאָגט,
כאַטש מיט א מיידל אינמיטן גאַס האָט מען טאַקע געכאַפּט.
נישט קיין פריילעך יונגל.

ערשטער פּאָליטישער
שפּיל נישט קיין ראָל, זאָג ווער דו ביזט.

מאַטע שטשערב
א חבר, חבר, ווי איר,
א חבר ווי אַלע,
געווען מיט אייך אַלע צוזאַמען
אויף דעם טעאַטערפּלאַץ —
אהין מיט א שטאָלצן קאָפּ,
צוריק זיך אויף קניען געקוקט.

צווייטער פּאָליטישער
אָבער אונז האָט מען געצויגן פון די בעטן אַרויס,
און דיין בעט, ווייזט אויס, שטייט נישט אין דיין איינגענער שטוב —

מאַטע שטשערב
מיין בעט איז די ערד,
מיינע פריינט זענען אַלע, אַלע —
און מיין חברטע טראַכט אויך אזוי ווי איך.

ערשטער קרימינעלער
(בשעת ער רעדט, פּאַטאַקעווען אים כסדר די איבעריקע)
און ווו האָסטו דיין פריינדין געלאָזן?
א געזונטער פריינט, געדאַרפט זי מיטנעמען אהער,
מיינסט, אז אונזערע נשמות זענען פון האָלץ?

מאַטע שטשערב
מען האָט זי מיר מיט געוואַלט צוגענומען,
באַזונדער זיצט זי —

צווייטער קרימינעלער
געדאַרפט נישט לאָזן, געדאַרפט מאַכן א געוואַלד,
פיינע מיידלעך — די יידישע —

דריטער קרימינעלער
טפו די יידישע,
נאָר רעדט און רעדט און רעדט׳
דו אויף איר און זי רעדט און רעדט.
אונזער איינע אָבער שווייגט —

די קרימינעלע
(פאַרטיפן זיך אַלע דריי אין א שמועס)

ערשטער פּאָליטישער
נו חברים, מען דאַרף אָפּיסל רוען.

איצט איז שוין פול,
קיין נייע וועט מען נישט ברענגען,
כאַפּט אים דער טייוול, דעם וועכטער,
איידער וואָס ווען וועט די נאַכט אַנטרינען ווערן,
דאָס פענסטער בלאָסט שוין.
(ליגן זיך מיד ווו וועד עס קען, מאַטע שטשערב בלייבט שטיין באַזונדער)

פערטער פּאָליטישער
אַ שטאָכוואָרט צו אַ שטאָכוואָרט.
אָבער דאָ אין תּפיסה איז פאָרט אַלעמאָל איינִיקייט.

צווייטער פּאָליטישער
אַז איין נאַכט איבער אַלע.

דריטער פּאָליטישער
אָבער נישט איין פינסטערניש.

ערשטער פּאָליטישער
דער עיקר —
איין מאָרגן פאַר אַלע.

פערטער פּאָליטישער
אַ וויגנליד, חבר, זיי נישט בייז,
ביי אַזעלכע רייד איז גוט צו שלאָפן —
אַ גוטע נאַכט, חברים!

מאַטע שטשערב
(די קרימינעלע האָבן זיך געאַמפּערט און זיך איינגעגעוויורעט אײַנער אין צווייטן, בראָפּען, די פּאָליטישע — שטיל. ער הייבט אָן שטיל צו רעדן, ווי וואַנזיניק, ווי צו זיך, אַלעמאָל שטאַרקער)
חברים,
שלאָפט נישט איין אין אָט דער נאַכט,
דער נאַכט פון ערשטן מאַי,
אייער נאַכט, חברים,
ווילט באַנעמען מיינע ווערטער —
איך האָב אויך אַזאַ האַרץ ווי איר.

ערשטער פּאָליטישער
אַ שווערער פאַרשוין,
ערגער ווי יענע.

פערטער פּאָליטישער
אַ ראָמאַנטיקער,
מיט אַ ראָמאַנטיקער איז שטענדיק שלעכט,
האָט אַ לויזע צונג,
און אפשר גאָר אַ פאַרשטעלטער אַזאַ,
מאַכט זיך צום נאַר.

ערשטער פּאָליטישער
העי, חבר ראָמאַנטיקער,
זעצט זיך דאָרט, אָדער לייגט זיך אַוועק,
און שנאָרכט,
מיר זענען נישט קיין פאַרליבטע מיידלעך דאָ
אייער ליריק אויסצוהערן.

ערשטער קרימינעלער
(הייבט זיך פּלוצים דורך די אויגן)



לאָזט רעדן אַ מענטשן,
שלעכטע זענט איר,
חברים — און אַזעלכע שלעכטע.
אַ מענטש וויל זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ
דאָרף — מען — אים — הע — הער —
(שנאָרכט)

צווייטער פּאָליטישער
לאָז אים חבר,
עס איז אַ פּלאַפּלער,
וועט אַביסל רעדן
און אַנדרימלט ווערן.

מאַטע שטשערב
איך וועל נישט אַנדרימלט ווערן,
און נישט איינרוען מער,
איך בין איינער פון טויזנט מיליאָנען —
דורך מיינע פאַרטרוקנטע ליפּן —
רעדן טויזנט מיליאָנען —
נאָך בין איך נישט דער מאַן,
נאָך בין איך נישט דער בוים,
אָבער דער זאָמען בין איך,
אָבער באַלד וועל איך וואַקסן מעכטיק אַרויף —

ערשטער פּאָליטישער
דעקט זיך איין, חברים, מיט וואָס ווער עס קען,
די אויערן פאַרשטאָפּט.
אַ רחמנות — מיט דער פויסט,
צו פאַרמאַכן אים דאָס קרעציקע מויל.
און באַלד וועט אויפגיין די זון.

מאַטע שטשערב
(עס ווערט אַלעמאָל העלער און העלער. פּלוצים טוט רויטע ליכטיקייט אַ זעץ און פאַרפלייצט די צעלע. דאָס לעמפּל אויבן לייכט אָן איבעריקס ווייטער)
חבר, איך בין דו —
נאָר דו ווייסט עס נישט,
ווילסט עס נאָך נישט וויסן.
דורך דיינע אויערן דרינגט נישט מיין וואָרט,
דורך דיינע פאַרשטעלטע אויגן
דרינגט נישט דאָס ליכט פון דער זון,
דו האָסט דיר די אויערן אַליין פאַרשטאָפּט
און ווילסט נישט מיין וואָרט,
וואָס איז דיינס!
דו האָסט די אויגן אַליין פאַרשטעלט
און ווילסט נישט פאַרשטיין דאָס רויט פון דער זון,
וואָס גייט אויף,
און ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז דאָס רויט פון דער זון,
וואָס גייט אויף
איז דאָס רויט פון אונזער פאָן
און ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז דאָס רויט פון דער פאָן
איז דאָס רויט פון דיין בלוט,
און פון דיין ברודערס בלוט.
אָבער דורך דעם פאַרשטאָפּטן אויער,
אָבער דורך דעם פאַרשטעלטן אויג,
וועט דרינגען דאָס רויטע ליכט פון דער זון,
וואָס גייט אויף,

וועט דרינגען דאָס אמתע ליכט פון דעם רויטן קאָליר.
דורך דעם בלוט וועט עס גיין,
גלייך דורך דעם בלוט,
און דאָס לשון פון בלוט איז גרויס,
און אַלע מוזן פאַרשטיין
פון אַלע געדאַנקען פון דיין מוח,
חבר,
וועט דאָס זיין דער ערשטער גרויסער געדאַנק,
און פון אַלע אַטעמס פון דיין האַרץ
וועט דאָס זיין דער ערשטער גרויסער אַטעם —
(גייט צו צו די איבערגעדעקטע און רייסט די דעקן אַראָפּ)
חבר, דערזען
לערן דיך דאָס לשון פון דער זון,
לערן דיך דאָס לשון פון בלוט,
לערן דיך פון מיר,
הייליק איז די זון,
הייליק איז דאָס בלוטן
הער, ווי די זון קלינגטן
הערן די זון איז אַ געוואַלטיקער גלאָק.
קלינגט איבער אַלע פעלקער, קלינגט איבער אַלע מענטשן,
דורך דיין אייגן בלוט קלינגט זי ווילד צו דיר,
יעדע רגע הונדערט מאָל,
ליינג צו דיין אויער צו דיין אייגן האַרץ,
און צו דיין ברודערס האַרץ — און דערהערן
הער איר געוואַלטיקן שאַל,
דורך דעם בלוט הער,
ווען דו קענסט נישט אַנדערש הערן,
הער דעם געוואַלטיקן שאַל
פון דעם לעצטן אינטערנאַציאָנאַל
פון בלוט
קענען טויטן
(זיינע אויפגעהויבענע הענט פלאַמען אין רויטגאָלדענעם ליכט)

ע ר ש ט ע ר  פ אָ ל י ט י ש ע ר
(הויבט זיך דראַענדיק אויף, זיין פּנים איז פינסטער און בלייבט אין שאָטן)
דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל מען איז געוועזן פויל
און נישט באַלד פאַרמאַכט דאָס קרעציקע מויל
מיט אַ פויסטן
(גייט צו נענטער און פול רציחה צו מאָטע שטשערבן — פלוצים און נאָך געוואַלטזאַמער פאַלט דער פאָרהאַנג)

# דער גוי פון די קאַרטאָפל

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

רינט ען [illegible] כת ה

צו אַ יידן אין שטוב
קומט איינמאָל אַ גוי.
— „אַ גוט מאָרגן דיר, ייד,
ס'איז אַ מעשה אַזוי,
איך גראָב דאָ קאַרטאָפל
האָט מיט מיר זיך פאַרלאָפן,
אַז עס פעלט מיר אַ זאַק,
אַ קליינינקע קאָפּאַטשקע
און בראָנפן אַ טראָפּעטשקע,
אַנטליי דאָס מיר, ייד,
ביזן גרויסן יריד".
ענטפערט דער ייד אים אַזוי און אַזוי:
— „אַ גוי איז אַ גוי
ס'איז זיין סערמינגע גרוי,
און זיין פּלייצע איז ברייט,
און דאָס פּנים איז רויט,
און אַלע יונים
האָבן איין פּנים,
ווי וועל איך דיך, גוי, נאָכדעם דערקאָנען?
שטייט דער גוי און ער טראַכט:
— ביסט דאָך טאַקע גערעכט,
אַז אַ גוי איז אַ גוי,
ס'איז זיין סערמינגע גרוי,
און זיין פּלייצע איז ברייט,
און זיין פּנים איז רויט
און אַז אַלע יונים
האָבן איין פּנים,
ווי וועסטו מיך, ייד, נאָכדעם דערקאָנען?
האָט דער גוי זיך אַ נאָגל געגאַנגען אוּן געגאַנגט
האָט געטראַכט און געזאָגט:
— „איך האָב שוין געפונען
אַ טייערן סימן,
איך היים דאָך יאַן טאָפּל
דער גוי פון די קאַרטאָפּליי.
האָט דער ייד זיך דערפרייט
און אַ זאַק איז שוין גרייט
מיט דער גאַנצער הלוואה
און בראָנפן אַ טראָפּעטשקע
און אַ קליינינקע קאָפּאַטשקע.
נעמט עס דער גוי,
טוט עפּעס אַ זאָג,
און אַ גוטינקן טאָג.
וואַרט און וואַרט אַלץ דער ייד
ביזן גרויסן יריד.
און נישטאָ נאָך יאַן טאָפּל
דער גוי פון די קאַרטאָפּל.
פאַרדריסט עס דעם ייד.
ער צובייזערט זיך שטאַרק,
גייט אַרוים אויפן מאַרק
זוכן יאַן טאָפּל,
דעם גוי פון די קאַרטאָפּל.
איז אין מאַרק אַ געברוי,
ס'שטייט אַ גוי אויף אַ גוי,
און אַ טומל אַ דולער,
און וועגענער פולע
מיט קרויט און מיט עפּל.
ס'שמייסן פערד מיט די עקן.
אַ שפּילטשענע קעפּל
נישטאָ ווו פאַרשטעקן.
קראַצט דער ייד זיך אין קאַרק.
— אָט האָסטו אַ מאַרק,
היינט גיי דאָ געפינען
לויטן גוישן סימן
ווו עס שטעקט דאָ יאַן טאָפּל
דער גוי פון די קאַרטאָפּל,
אַז אַ גוי איז אַ גוי,
ס'איז זיין סערמינגע גרוי,
און זיין פּלייצע איז ברייט,
און דאָס פּנים איז רויט,
און אַלע יונים
האָבן איין פּנים
היינט גיי דאָ געפינען
לויטן גוישן סימן
ווו עס שטעקט דאָ יאַן טאָפּל,
דער גוי פון די קאַרטאָפּל.
ווערט אין מאַרק אַ געשפּאַר:
— ס'שטייט אַ ייד דאָ אַ נאַר;
נישט ער קויפט,
נישט פאַרקויפט,
שטייט און קראַצט זיך דעם קאַרק
סאַמע מיטן אין מאַרק.
דאָ קומט אונטער אַ גוי,
איז זיין סערמינגע גרוי,
און די פּלייצע איז ברייט,
און דאָס פּנים איז רויט,
און ס'איז טאַקע יאַן טאָפּל,
דער גוי פון די קאַרטאָפּל.
ער מיט דער גויע
מיט דער גאַנצער הלוואה,
מיט דער קליינינקער קאָפּאַטשקע
פאַר בראָנפן דער טראָפּעטשקע.
האָט געבראַכט איצט יאַן טאָפּל
דעם זאַק מיט קאַרטאָפּל,
און געזאָגט האָט דער גוי
אַזוי און אַזוי:
אָטאָ זעסטו דו, ייד,
טאַקע גרוים דער יריד,
אָבער דאָך מיט אַ סימן
קען מען יעדן געפינען.

יצחק מאַנגער

# וועגן מיין אייבנזייטיקן גרוס פון רומעניען

אין נר. 19 „ליט. בלעטער" רופט זיך אָפּ יעקב באָטאָשאַנסקי אויף מיין גרוס. וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין פּוילן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע.

דער פּאָרטרעט פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע איז נישט אָנטפּלעקט געוואָרן מיט דער נויטיקער אָביעקטיוויטעט, מיינט י. באָטאָשאַנסקי, — אַ סימן: אַזוי פיל און אַזוי פיל פאַרשוויגענע נעמען.

קודם-כל וועגן דעם ענין פון דער גרופּע „ליכט", איבער וועלכער איך בין, ווי באָטאָשאַנסקי מיינט, אַדורכגעפלויגן, ווי אַן עקספּרעס-צוג.

אין די „ליט. בלעטער" נר. 3 קען מען לעזן אַ בקיצורדיקן באַריכט וועגן מיין רעפעראַט איבער דער ייד. ליטעראַטור אין רומעניע, (י. באָטאָשאַנסקיס פעלער, וואָס ער שעפּט אַלע זיינע אינפאָרמאַציעס פון דעם ביז גאָר בקיצורדיקן באַריכט), ווו ס'ווערט אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז „די ערשטע ליטעראַרישע סימפּטאָמען פון דער נייער צייט זענען געווען די שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם זשורנאַל „ליכט". אינספּירירט פון נאַציאָנאַל-ראָמאַנטישע שטימונגען, וועלכע האָבן קיין רעזאָנאַנס נישט געפונען, איז דער זשורנאַל גיך אָפּגעשטאָרבן".

אַז איך האָב די נעמען פון יעקב גראָפּער און מאָטעס פרידמאַן יאָ דערמאָנט אַלס די רעפּרעזענטאַטיווסטע פון יענער גרופּע, קען י. באָטשאַנסקי לעזן אין מיינע געשפּרעכן מיטן ווילנער „טאָג", לעמבערגער „פּרימאָרגן" און אַנדערע צייטונגען. אויב ס'איז דורך אַ צופאַל אין אַ ביז-גאָר קליינעם באַריכט פון די „ליט. בלעטער" אַרויסגעפאַלן די באַמערקונג, בין איך נישט שולדיק.

י. באָטאָשאַנסקי זאָגט וועגן דעם ענין דאָס אייגענע. ער רופט אָן די צוויי אויבן-דערמאָנטע אַלס די באַדייטנדיקסטע פון יענער גרופּירונג. ער גיט אויך צו דעם מינימאַלן ליטעראַרישן ווערט פון יענע זאַמלביכער. ער מיינט אָבער דערפאַר, אַז דער קולטורעלער רעזאָנאַנס איז געווען אַ באַדייטנדיקערער.

די נעמען פון „דעם פלינקן פערזן-שרייבער" מאָטי ראַבינאָוויטש און פון אפרים וואַלדמאַן האָב איך נישט דערמאָנט. ערשטנס, ווייל איך האָב זיך פאַררופן אויף די רעפּרעזענטאַטיווסטע און, צווייטנס, ווייל די לעצטע צוויי האָבן אַ גאָר קליינע שייכות צו דער שפּעטערישער יידישער ליטעראַטור.

„די השפּעה פון „ליכט", — שרייבט י. באָטאָשאַנסקי, — איז געווען אַזאַ ברייטע, אַז די רומעניש-יידישע סאָציאַליסטן בראש מיטן מאַרטירער מאַקס וועקסלער, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט פון יידיש, האָבן גענומען אַרויסגעבן אַ יידישע צוויי-וואָכנשריפט „דער וועקער".

אַ יידיש-סאָציאַליסטישע צוויי-וואָכנשריפט „דער וועקער" איז שוין דערשינען אין יאָס אין יאָר 1896 און איז נאָכאַמאָל באַנייט געוואָרן אין יאָר 1905 אין דער אייגענער צייט, ווען אין בראַילאַ (פּאַנאַיט איסטראַטיס געבוירנשטאָט) איז דערשינען אַ ציוניסטיש וואָכנבלאַט „דער האַמער". דאָס דערשיינען פון אַ יידיש-סאָציאַליסטישער צייטונג אין יאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, נעמענדיק אין אַכט, אַז דעם הויפּט-עלעמענט פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין מאָלדאַווע האָבן געבילדעט די יידישע אַרבעטער. די אייגענע נויטווענדיקייט, וואָס האָט די צייטונג אַרויסגערופן ביי ערשטן אויפשוואונג פון דער סאָצ. פּאַרטיי אין רומעניע אין 1896, האָט זי אַרויסגערופן ביים צווייטן אויפשוואונג פון דער פּאַרטיי אין 1915 און ביים דריטן אין 1919, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב שטערנבערג און יעקב באָטאָשאַנסקי.

דער זשורנאַל „ליכט" האָט אַפּעלירט צום בירגערלעך-אַסימילאַטאָרישן מאַריאַנעטן-סאַלאָן, וואָס האָט דעמאָלט געציוניסטעוועט אויף דער יידישער גאַס אין רומעניע. די יידישע ליטעראַטור איז פאַר יענע קרייזן געווען אַן עקזאָטיש שפּילעכל, מיט וועלכן מען האָט זיך אַ שטיקל צייט געלאַנגווייליקט, כדי עס דערנאָך „אויף אימער אונד עוויג" אָוועקצוואַרפן.

אַז די גרופּירונג „שויבן" איז די באַדייטנדיקסטע, מיט דעם איז באָטאָשאַנסקי מסכים. און אויף איר טאַקע איז נאָך דער גאָלד-פאַדען-זבאַרזשער-תקופה געפאַלן דער שווערסטער אַקצענט פון מיין רעפעראַט (אפשר איז וויכטיק פאַר באָטאָשאַנסקין צו וויסן, אַז מיין גרוס איז נישט געווען קיין סתם קולטור-כראָניק, נאָר אַ רעפעראַט, וואָס האָט געזוכט אָנצוטאַפּן די גייסטיקע שייכותן פון אַלע ליטעראַרישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך מאַניפעסטירט אין רומעניע דער מדינה ביי די ברעגעס פון דער טינע).

איך האַלט, אַז מיין רעפעראַט איז געווען סוביעקטיוו גענוג און אָביעקטיוו גענוג. יעדנפאַלס נישט די אָביעקטיוויטעט אפשר, וואָס י. באָטאָשאַנסקי מיינט. אַזעלכענע פאַרמאָגט נאָר אַ גאַסלאַמטערן, וועמען ס'איז אַלצאיינס, צי נעבן אים הויערט אַ נבלה, צי ס'קניט נעבן אים אַ קדוש.

וועגן אליהו מייטום וואָס איז אַ באַקאַנטער העברעישער דיכטער און אַ צופעליקער יידיש-שרייבער, ווערן מיר געוואָר פון י. באָטאָשאַנסקיס אַרטיקל, אַז ער געפינט זיך אין רומעניע.

און מרדכי גאָלדנבערג, דער נאַיווער לידער- און פּראָזע-שרייבער, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן, הגם זיינע וויכטיקערע אַרבעטן זענען געשריבן אין העברעיש.

חבר י. באָטאָשאַנסקין איך פאָדער אויף צו צייכענען דאָס פּאָרטרעט פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע אָביעקטיווער און גרינטלעכער, ווי איך האָב עס געטון. צייכנט איר די ליניען. דעם ריטם און דעם סך-הכל. איך בין געשפּאַנט אויף דעם רעזולטאַטן

אוודאי האָט י. באָטאָשאַנסקי פאַרדינסטן פאַרן יידישן קולטור-לעבן אין רומעניע. אוודאי איז אמת, אַז באָטאָשאַנסקי האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין רומעניע. און אמת איז אויך, אַז באָטאָשאַנסקי האָט „גערעדט, געשריבן און געזונגען" נישט אין די קרעטשמעס, נאָר אין די סאַלאָנען. אָבער באָטאָשאַנסקי פאַרגעסט, אַז דער חילוק פון אים צו זבאַרזשערן איז געווען דער: זבאַרזשער האָט אימפּראָוויזירט און געזונגען אייגענע לידער, און באָטאָשאַנסקי האָט געזונגען פרעמדע. טאָ ווי קען מען פאַרשטיין די פּרעטענציעזע שטעלע אין באָטאָשאַנסקיס אַרטיקל: „כאָטש איך האָב געטון דאָס אייגענע, ווי זיי" (וואָס גאָלדפאַדען און זבאַרזשער)?

אַז מען בינדט אין רעגאַט באָטאָשאַנסקיס נאָמען מיט יידיש — מעגלעך! באָטאָשאַנסקיס פּאָפּולאַריטעט אַלס אַגיטאַטאָר פאַר יידיש אין רומעניע איז אַ באַרעכטיקטע. אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור-באַוועגונג פאַרנעמט אומבאַדינגט באָטאָשאַנסקי אַן אָרט אַלס זשורנאַליסט און אַגיטאַטאָר, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו דער יידיש-שעפערישער ליטעראַטור אין רומעניע? באָטאָשאַנסקיס ליטעראַרישע מעטאַמאָרפאָזע הויבט זיך ערשט אָן אין אַרגענטינע, ווי און וואָס, זוינציק דערגייט צו אונז, כדי מיר זאָלן זיך קענען שאַפן אַ בילד פון באָטאָשאַנסקיס ליטעראַרישער קאַריערע.

צווישן די מאַטעריאַלן פון דעם רומענישן ליטעראַטור-היסטאָריקער באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס שרייבט, אַגב, די געשיכטע פון דער יידישער קולטור-באַוועגונג אין רומעניע, געפין איך דאַטעס און באַמערקונגען, אַז דער ערשטער, וואָס האָט געקלאַפּט אויף דער גאָלדפאַדען-רעוויזיע אין רומעניע, איז געווען דער פּאָעט יעקב שטערנבערג. אין אַ סעריע אַרטיקלען האָט ער אין יאָר 1917 אין דער רומענישער טעאַטער-צייטונג „סצענאַ" אויפגעהויבן דאָס פּראָבלעם און שפּעטער ביי דער ערשטער אויפפירונג פון זיין רעווי „ציִמעס", האָט ער, אַרויספירנדיק דעם שאָטן פון גאָלדפאַדען אויף דער בינע, געהאַלטן אַ רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט די גאָלדפאַדען-רעסטאַווראַציע, וואָס איז גלייכצייטיק, צי שפּעטער אַביסל פאַרגעקומען אין רוסלאַנד.

„ווייטע דיסטאַנצן און נאָענטע באַציונגען, — פאַרענדיקט באָטאָשאַנסקי זיין אַרטיקל. איך כאַפּ אויף די ווערטער און חזר זיי איבער. אַ שאָד, וואָס י. באָטאָשאַנסקי איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער הייסער. ווייטער אַרגענטינע. ווען ער וואָלט געווען מיט אונז, וואָלטן מיר אים פאַרהיט, און ער וואָלט זיכער נישט דערגאַנגען צו אַ סך אַבסורדן און סטיל-לאָזיקייט און דער עיקר צו זיין אָנפאַל אויף משה נאַדיר אין דער „ביכער-וועלט".

יאַסי, 22 מאַי.

פ. סלאָווצאָוו

# דאָס טאָג-בוך פון ס. א. טאָלסטאָי

(סוף)

לעוו. ניק. האָט ליב זיין ווייב נאָר ווי אַ פרוי, זי איז אים פרעמד אַלס מענטש און פריינט, — דאָס חזרט זיך איבער אין טאָגבוך אָן אַ שיעור מאָל, כאָטש אי דער מאַן, אי דאָס ווייב זענען שוין געווען אין די עלטערע יאָרן. „היינט האָט ער אַ סך געשריבן און ער איז בכלל געזונט, יונג און פריילעך. — פאַרשרייבט סאָפיא אַנדר. דעם 1־טן אויגוסט 1897. — וואָס פאַראַ קרעפטיקע נאַטור! נעכטן האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ טרויעריקער מינע, אַז איך בין די לעצטע טעג עפּעס אַלט געוואָרן. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין יונגער פון אים מיט 16 יאָר און אויסערלעך בין איך יונג און געזונט, איז דאָס נאָך ווייניק פאַר אים". ביי טאָלסטאָיען, ווי ביי אַ סך גרויסע קינסטלער, איז זיין ליידנשאַפט, וואָס האָט זיך ביי אים אָפּגעהיט ביז דער טיפער עלטער, פאַרבונדן מיט זיין אומדערשעפּלעכער קראַפט פון זיין שאַפן.

סאָפיא אַנדר. דערמאָנט זיך, ווי בשעתן לעצטן באַזוך פון טורגע־ניעוון אין יאַסנאַ־פּאָליאַנע „האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט די וואַלד־שנעפּן; ליאָוואָטשקא איז געשטאַנען ביי איין בוים און איך מיט טור־געניעוון ביי אַ צווייטן בוים. איך האָב טורגעניעוון אַ פרעג געטון, פאַרוואָס ער שרייבט נישט מער. ער האָט זיך אַנגעבויגן, זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט: „קיינער, דאַכט זיך, אויסער די ביימער, הערט אונז נישט. טאָ הערט־זשע, נשמה מיינע (אויף דער עלטער פלעגט ער אַלעמען זאָגן „נשמה מיינע"), איידער איך נעם זיך עפּעס שרייבן אַ נייס, מוז איך פריער צעטרייסלען דעם פיבער פון ליבע, און אַצינד איז דאָס אוממעג־לעך" — אַן עברה! — האָב איך אַ זאָג געטון אין אַ ווייל און צוגע־געבן: — „נו, ליבט זיך איין אין מיר, וועט איר נאָך עפּעס אָנשרייבן". „ניין, ס'איז שוין שפּעט!"

און טאָלסטאָי איז נאָך צו 70 יאָר געווען פאַרליבט אין זיין ווייב.

מיט די גאָר אינטימע מאָמענטן פון זייער לעבן איז צונויפגע־פלאָכטן די באַליידיקונג, וואָס סאָפיא אַנדר. האָט דערפילט באַלד נאָכן דערשיינען פון „די קרייצער־סאָנאַטע". „איך ווייס נישט — שרייבט זי דעם 13 פעברואַר 1891 — ווי אַזוי און פאַרוואָס מ'בינדט צונויף „די קרייצער־סאָנאַטע" מיט אונזער צוזאַמענלעבן, נאָר ס'איז אַ פאַקט, און יעדער איינער, אָנהויבנדיק פון דעם קייסער און ענדיקנדיק מיט לעוו ניקאָלאַיעוויטשס ברודער און זיין בעסטן פריינט — דיאַקאָוו, — אַלע האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט. נאָר וואָס דאַרף מען זוכן ביי אַנ־דערע? איך אַליין, ביי זיך טיף אין האַרצן, האָב דערפילט, אַז די דער־ציילונג איז געווענדט קעגן מיר, אַז די דערציילונג האָט מיר געמאַכט אַ וווּנד, האָט מיך דערנידעריקט אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, האָט צעשטערט די גאַנצע ליבע צווישן אונז. און דאָס אַלץ, ווען איך אַליין פיל נישט קיין ברעקל שולד בנוגע צום מאַן, איר זאָלט זאָגן מיט איין באַוועגונג, מיט איין קוק אויף עמעצן פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער צוזאַמענלעבן". ווען אָבער „די קרייצער־סאָנאַטע" איז דורך דער צענזור פאַרבאָטן געוואָרן געדרוקט צו ווערן אין 13־טן באַנד פון אַלע ווערק, האָט סאָפיא אַנדר. מיט דער גאַנצער ענערגיע אירער גענומען זיך מישתדל זיין און זיך דערשלאָגן אַן אוידיענץ ביים קייסער אַלעקסאַנדער דעם דריטן. דער געשפּרעך איז דורך איר גענוי באַשריבן.

סאָפיא אַנדר. האָט געזאָגט דעם קייסער, אַז אין דער לעצטער צייט איז לעוו. ניק. גענייגט צו שרייבן קינסטלערישע ווערק אויף אַלטן שטייגער „און די גנעדיקע באַציונג פון דעם קייסער וואָלט אים געקאָנט צוגעבן מוט צו דער אַרבעט". דער קייסער האָט אַ פרעג געטון, „צי קאָן נישט דער מאַן איבעראַרבעטן „די קרייצער־סאָנאַטע" אָביסל?" סאָפיא אַנדר. האָט געענטפערט, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די צענזור אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט, און סאָפיאַ אַנדר. האָט געהאַט „אַן אומערלעכע באַפרידיקונג. קעגן אַלץ און אַלעמען, האָב איך געהאַט אַן עסק מיטן קייסער אַליין, און איך, אַ פרוי, האָב געפּועלט דאָס, וואָס קיינער וואָלט מיט קיינע מיטלען נישט דערגרייכט". „נאָר די אמתע סיבה פון מיין נסיעה קיין פּעטערבורג וועט קיינער נישט טרעפן, — איז זי זיך ווייטער מודה, — איך האָב פאַרן עולם געמוזט אַרויספּועלן אָט די דערציילונג. אַלע ווייסן, אַז דאָס האָב איך אויסגעבעטן די דערציילונג ביים קייסער. ווען די דערציילונג וואָלט געווען אָפּגע־שריבן פון מיר און פון אונזערע באַציונגען, וואָלט איך, אָן ספק, נישט געגאַנגען בעטן פאַר איר פאַרשפּרייטונג. דאָס קאָן פאַרשטיין יעדער איינער".

אין דעם טאָגבוך פון יאָר 1897 געפינען מיר פאַרשריבן וועגן דער שווערער פאַר סאָפיא אַנדר. געשיכטע מיט אירע באַציונגען צום קאָמ־פּאָזיטאָר ס. טאַנעיעוו. דאָס איז געווען אַ טיפע סימפּאַטיע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אויסברוך פון אַ קרענקלעכער ליבע צו מוזיק, וואָס איז געווען אַ שטיקל נחמה פאַר סאָפיא אַנדר. נאָכן טויט פון איר 7־יעריקן זון וואַניאַ. לעוו ניק. איז געווען איפערזיכטיק צו טאַנעיעוון און געפאָדערט, זי זאָל איבעררייסן די באַקאַנטשאַפט מיט אים. „היינט איז סערגיי איוואַנאָוויטש (טאַנעיעוו) אָוועקגעפאָרן — שרייבט סאָפיאַ אַנדר. דעם 5־טן יולי 1897 אין יאַסנאַ־פּאָליאַנע — און לעוו ניק. איז געוואָרן רויק און פריילעך, און איך בין אויך געוואָרן רויק, וואָס איך האָב אים געזען. די איפערזיכטיקע פאָדערונגען פון לעוו ניק., איך זאָל איבעררייסן מיט סערגיי איוואַנאָוויטש, האָבן אַ גרונט — דאָס זענען די ליידן פון לעוו. ניק. פאַר מיר איז דאָס איבעררייסן מיט אים אויך פאַרבונדן מיט ליידן. איך פיל, אַז אין מיינע שטילע און ריינע באַציונ־גען צו אָט דעם מענטשן איז נישטאָ קיין שום זינד, ס'איז דאָ נאָר אַ שטילע און רויקע פרייד. איך קאָן אָט די באַציונגען נישט דערשטיקן אין האַרצן, ווי איך קאָן נישט מאַכן, איך זאָל נישט קוקן, נישט אָטע־מען, נישט טראַכטן. אין דערפרי האָב איך געלייענט קאָרעקטור, געוואַרט אויף סערגיי איוואַנאָוויטשן צו קאַווע, און ער איז געווען פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען אין גאָרטן זיך אַן עצה האַלטן מיט וואַניטשקען, פרעגנדיק ביי אים, צי איך טו גוט מיט מיינע געפילן צו סערגיי איוואַנאָוויטש. וואַניטשקא האָט מיך היינט אָפּגערעדט דער־פון. אָפּנים, ער האָט מיטלייד צום טאַטן. איך ווייס אָבער, אַז ער באַשול־דיקט מיך נישט; ער האָט מיר געשיקט סערגיי איוואַנאָוויטשן און ער וויל אים ביי מיר נישט צונעמען".

דער טויט פון דעם קליינעם זון האָט אַזוי געווירקט אויף סאָפיא אַנדר., אַז זי האָט געפילט זיין אָנוועזנהייט אויך נאָכן טויט און זי האָט מיט אים געפירט אַ געשפּרעך. אָט דער טויט, וועלכן מאַן און ווייב האָבן איבערגעלעבט אין אַן אינערלעכער נאָענטקייט, האָט זיי אַריינגעבראַכט אַ דערלייכטערונג אין זייער אינערלעכער שנאה. נאָך אַ פּעריאָד פון דער־נענטערונג איז געווען מיט אַ צייט פריער, אין דער געמיינזאַמער אַרבעט ביי דער הילף פאַר די הונגעריקע. דער טויט פון וואַניטשקען איז באַשריבן אין זייער אַ רירנדיקער פאָרם. אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט דאָס פאַר־שריבענע אין יאָר 1893 „מיין ראָמאַן מיט לעוו ניקאָלאַיעוויטשן" — די געשיכטע פון איר חתונה.

אין דעם טאָגבוך זענען דאָ אַ סך שטריכן פון טאָלסטאָיען און פון זיין לעבן אין יאַסנאַ־פּאָליאַנע, וועגן וועלכע קיינער פון די געסט האָט גאָר קיין אָנונג נישט. איך וועל ברענגען נאָר איין נאָטיץ. זייער טאָכ־טער מאַשאַ איז ביינאַכט קראַנק געוואָרן. — „לעוו ניק. — שרייבט סאָפיא אַנדר. — איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט שטעלן דעם סאַמאָוואַר צו מאַכן הייסע קאָמפּרעסן; ער האָט אָבער געפונען אַ וואַרעמע פּייערקע, וואָס האָט נאָך געקאָנט גוט וואַרעמען. מיך באַפאַלט אַלעמאָל אַ געלעכ־טער, ווען ער נעמט זיך צו עפּעס אַ פּראַקטישער אַרבעט, ביי אים איז עפּעס אַזוי אומגעשיקט, פּרימיטיוו און נאַיוו. נעכטן האָט ער אַלע סער־וועטלעך איינגעריכט אין סאַזשע, מיט דער ליכט אָפּגעברענט אַ שטיק באָרד, און ווען איך האָב אָנגעהויבן לעשן מיט די הענט — איז ער נאָך געוואָרן אויף מיר אין כעס".

די טאָגביכער זענען נאָך נישט פאַרענדיקט. מיר וועלן מיט גרויס אינטערעס וואַרטן אויף די ווייטערדיקע בענדער.

פון רוסיש י. מ.

פאַרלאַג ב. קלעצקין ווילנע

ל. טאָלסטאָי

אננא קאַרענינא

4 בענדער

איבער 1300 זייטן. פרייז 32 זל.

הויפּט פאַרקויף קאַס. „ביכער" וואַרשע.

# גאַסטשפּיל־ן פון דער פּראַגער טרופּע פונם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער

געזען בײַ זײ 5 פאָרשטעלונגען: נ. גאָגאָלס „חתונה", פ. דאָס־טאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָװ" און „דאָס דאָרף סטעפּאַנטשיקאָװאָ", א. טשעכאָװס „דער קאַרשן־גאָרטן" און מאַקסים גאָרקיס „אױפן אָפּגרונט".

אַ שטיק רוסלאַנד, דאָס טיפע, אײגנאַרטיקע, לײדנדיקע און מערק־װירדיקע רוסלאַנד, האָבן זײ אויפגעבראַכט אויף די אָרעמע ברעטער פון די װאַרשעװער קינאָ־טעאַטערס „װאָדעװיל" און „ראָקאָקאָ".

עס מאַכט נישט אויס, וואָס זײ זענען נע־ונד־אַקטיאָרן, אמתע בלאָנדזשענדיקע שטערן. אַ װאַנדערנדיקע טרופּע מיט די אַלע פּלאָגן און מאַטערנישן פון אַ װאַנדערנדיקן טעאַטער: אויפפירונגען אויף שלעכט־אײנגעאָרדנטע בינעס, דעקאָראַציעס, ליכט־עפעקטן, טעכנישע אויסשטאַ־טונג, לאַנגע אַנטראַקטן, — אַלץ ממש װי בײַ אונז, אין אונזער ליבן ײדישן טעאַטער.

אָבער דאָך, סאַראַ װוּנדערבאַר צוזאַמענשפּיל! סאַראַ גלענצנדער אַנסאַמבל!

יעדע פאָרשטעלונג מיט איר בלוט, מיט איר סטיל, מיט איר כאַ־ראַקטער, מיט איר טעמפּ.

האָבן זײ געגעבן דעם גאָגאָלישן סאַטירישן, בײַסיקן געלעכטער און חוזק איבער זײַנע אומגעלומפּערטע, שװער־באַװעגלעכע און גראָבּ־הויטיקע פאַרשװינען אין „חתונה". מענער און פרויען פון דעם אַמאָליקן „פאַרמבולדיקן" רוסלאַנד. אַ שטיק װילד־װעלט מיט דעם אײגנאַרטיקן רוסישן הפקר־שטײגער. דערנאָך זענען געקומען די דאָסטאָיעװסקישע אײגנאַרטיקע גריבלענישן אין די טיפע, קרענקלעכע, היסטערישע, װיל־דע און דאָך מילדע, האַרציקע, אַכזריותדיקע נפשות. אין די צװײ דאָס־טאָיעװסקי־פאָרשטעלונגען האָט אויפגעלעבט דער װילדער גאון מיט זײַן קראַנקן־װעלט, מיט די אַלע זײערע אינעװײניקסטע סגופים און ענויים. שפּעטער האָבן מיר זיך געפונען אין דער באַהאַרצטער, רירנדיקער, שטי־מונגספולער סביבה פון טשעכאָװס ליבע, קינדיש־דערװאַקסענע, פאַר־צװײפלטע מענטשן, און לסוף — דער בונטער, ראַשער מענטשן־בוקעט פון די „געװעזענע" דענקער־פילאָסאָפן פון דעם „אָפּגרונט".

די טרופּע באַשטײט פון אַ 20 אַרטיסטן, — דאָס רוב פון זײ זענען אויסגעצײכנטע שױשפּילער. מענטשן מיט גרויסע טאַלענטן, מיט גרויסע קינסטלערישע פעיקײטן און װוּנדערבאַרע טראַדיציעס. יעדע ראָלע איז געשאַפן, פאַרפולקומט און באַאַרבעט מיט אַלע פּרטים און קלײ־ניקײטן, און דערבײַ אײנגעפלאָכטן און פאַרװעבט אין דעם שפּילן פון די אַלע אַנדערע.

אײניקע אַקטיאָרן קומען פון מאָסקװער קינסטלערישן טעאַטער, װוּ זײ האָבן געשפּילט עטלעכע יאָרן, די פּיעסעס זענען אויפגעפירט לויט דער פאָרם און געשטאַלט פון יענעם טעאַטער, און די אײניקע נײַע אַק־טיאָרן האָבן זיך אײנגעלעבט אין דער טעאַטער־סביבה און העלפן־מיט דאָס שפּילן פון די הויפּט־אַרטיסטן.

און ס'קומט פאָר אין יעדערער באַזונדערער פאָרשטעלונג אַ מין נײַ־װידערגעבורט: אָט זענען פאַר אונז גאָגאָל־פאַרשװינען, דורך און דורך גאָגאָלישע טיפּן, זאָרגלאָז, הפקרדיק, און אויף מאָרגן — מענטשן מיט די דאָסטאָיעװסקי־לאַסטן אויף די פּלײצעס, און אַ דריט־מאָל באַהויכט מיט דעם טשעכאָװ־ליריזם.

פון די װיכטיקסטע אַקטיאָרן אין דער טרופּע: פּ. פּאַװלאָװ, א. װירובאָװ, מ. קרזשיזשאַנאָװסקא, װ. גרעטש, נ. ליסענקאָ, א. באָגדאַנאָװ, דװאַן טאַרצאָװ און נאָך און נאָך.

ס'איז שװער צו זאָגן, װעלכע פאָרשטעלונג איז די בעסערע, די געלונגענערע. יעדע אויפפירונג האָט זיך אירע אײגנשאַפטן, אירע מערק־װירדיקײטן. און אין אַלע — װוּנדערבאַרער צוזאַמענשפּיל, אויפריכטיק־ערלעך צוזאַמענשפּיל.

דאָס טעאַטער בכלל האָט געמאַכט פאַר דער צײַט פיל װעגן און אומװעגן, אָבער ס'איז גוט איבערלעבן פונסנײַ מיט די אַקטיאָרן דאָס אַלטע, אַמאָליקע, אַװעקגעגאַנגענע, װי עס לעבן עס אויף די װוּנדערבאַרע קינסטלער־אַרטיסטן.

נ. מ.



פּ. פּאַװלאָװ



נ. ליסענקאָ



מ. װירובאָװ

# נ י י ע ב י כ ע ר

— דוד בערגעלסאָן — אָפּגאַנג, געקליבענע ווערק פון דוד בערגעלסאָן, 4, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1929, 186 ז.

דאָס ווערק „אָפּגאַנג“, וואָס איז אָנגעהויבן דורך דוד בערגעלסאָן פאר דער וועלט־מלחמה און פארענדיקט אין 1920— איז אַ דיכטערישע מצבה אויף דעם יידישן שטאָט און שטעטל, דאָס לעצטע וואָרט אויף דעם אָפּגאנג און אונטערגאנג. מער ווי אַ דער־ציילונג איז עס, אַ פּאָעמע, אַ געזאנג אין געלייטערטער עכט־בערגעלסאָנישער פּראָזע. עס דרייען זיך אַרום איבער דער יידישער שטאָט די בעלי־החלומות מיט טרוימען, מיט בענקשאפט און מיט אַ זיי־געזונט דעם אַוועקגייענדיקן. יצחק בער, דער וואלד־קאַסיר, מלך, חיים־משה, חנקע ליובערס, עטל קאדיס, חוה פויזנער, — דאָס זענען אַלין וואונדערבאַרע טיפּן, וואָס האָבן זייער גלייכן נישט אין דער יידישער ליטעראטור. די יידישע אינטעליגענץ איז דאָ געגעבן אין אַ נייעם, ציטערדיקן ליכט. זי ווערט דאָ נתגלה פאר אונז אין אַ העכערער, טיף־מענטשלעכער מדרגה.

— מ י י ע ר  ו ו י נ ע ר — עלע פאַלעקס אונטערגאַנג (דערציי־לונג), מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראינע, 1929, כאַרקאָוו, 178 ז.

מ. ווינער איז פון די יונגע סאָוועטיש־יידישע בעלעט־ריסטן. ס'איז זיין ערשט ווערק אין אַ בוך־פאָרם. ווי דער אויטאָר ציכנט אָן, איז די דערציילונג אָנגעשריבן אין בערלין, 1923. די יידישע סאָוועטישע קריטיק לייגט האָפנונגען אויף דעם דער־ציילער. — אַן אָפּהאנדלונג וועט קומען אין די קומענדיקע נומערן. „ליט. בלעטער“. —

— כ א י ע ם  ג י ל ד י ן — ברונעמס (נאָוועלן), מלוכה־פאַרלאַג 1929, כאַרקאָוו, 280 זייטן. —

חיים גילדין איז א באקאנטער נאָמען אין דער ליטעראטור. ער האָט פאר דער מלחמה געוווינט אין ווארשע, מיטגעארבייט עטלעכע יאָר אין דער ווארשעווער פּרעסע, איבערהויפּט אין „היינט“, ווו ער האָט אין לויף פון אַ 2־3 יאָר געדרוקט פיל פע־ליעטאָנען איבער דעם ווארשעווער יידישן לעבן. בעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין רוסלאנד. ער באטייליקט זיך אין דער סאָ־וועטיש־יידישער פּרעסע. אין 1922 אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „האמער־קלאנגען“. אין דעם בוך „ברונעמס“ גייען אַריין די נאָ־וועלן „קאראהאָד“, „קרענעצעס“, „אַ פאַרזאַמלונג“, „אַ לוויה“, „קוקורוזע“, „פיבער“, „באגינען“, „אויף נייע רעלסן“. — ח. גילדין געהערט צו דער גרופּע פּראָלעטאַרישע דיכטער אין ראטנ־פאַרבאַנד.

— מ. א ל ב ע ר ט א ן — בירא־בידזשאַן (וועג - איינדריקן), מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראינע, 1929, כאַרקאָוו, 248 ז.

דער יונגער יידישער נאָוועליסט אין אוקראינע האָט אין דעם בוך געגעבן אַ ריי שילדערונגען פון יידישע וואַנדערער, וועלכע לאָזן זיך פון זייער היים אויף דער נייער ערד, ווו יידן באזעצן זיך. די נעמען פון די קאַפּיטלען אין בוך: נאָך אין דער היים, פון דער היים, אין וואגאָן, פון אירקוטסק, איבער די ברעגן פון באיקאל, אָנפירערס, טיכאָנקע־בירפעלד, מיר פאָרן אויסקוקן די ערד־אָפּשניטן, ביי די פרילוקער אויף „באָמבע“, זיקיטע אין בירא־בידזשאַן, אין טאיגע אַ שטיבל, פישקע פאָרט אויך, אויף די רייז־פּלאַנטאַציעס, בריוו, צוויי קאָמונעס.

וואונדערבאַר באמת איז דער וועג פונעם יידישן וואָרט. עס גייט־מיט, עס גייט פאָרויס דעם יידן אין זיין וועג איבער גאָר דער וועלט. אָט האָבן מיר געהאט דאָס ערשטע בוך לידער פון האַוואַנאַ — „קובאַנער לידער“. און איצט — אַ בוך „בירא־בידזשאן“. צום בוך איז צוגעגעבן אַ פאָרוואָרט פון מ. ק'פער.

— ק נ ו ט  ה א מ ס ו ן — ווייבער ביים ברונען (ראָמאַן), יידיש י. מייזיל, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1928, 536 ז.

— ר ע נ ע  מ א ר א ן — באַטואַלאַ, פון פראַנצויזיש ק. בראָקער, אונטער דער רעדאקציע פון מ. ראקאָווסקי. ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי, ווארשע, 1929, 144 ז.

ס'איז דער ראָמאַן פון אַ נעגעריש'ן דערציילער, וועלכער האָט געמאַכט אַ רושם אין פאריז און איז פארשפּרייט געוואָרן אין פיל עקזעמפּלאַרן.

— אַ נ נ אַ  מ אַ ר ג אַ ל י ן — לידער. ניו־יאָרק, 1929, 144 ז.

וועגן די לידער פון אַננאַ מאַרגאַלין אין אין די „ליט. בלעטער“ געווען געדרוקט אַן אַרטיקל פון אהרן צייטלין. דאָס בוך איז שוין אַרויסגעגעבן.

— א ו י פ ג אַ נ ג, חודש־שריפט פאר ליטעראטור און קונסט. העפט אַכט, 1929, ווארשע, פארלאג א. שקליאר, 64 ז.

אין דעם העפט קומען לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען פון ד. מיצמאַכער, ק. ליס, ה. גוטגעשטאַלט, מ. נאַטיש, ל. טרייסטער, מ. דזיאלאָווסקי, מ. גרינבערג, ל. סאָסנע, מ. אַלעי, ד. הערמאַן, א. גוטערמאן, מ. ד., מ. צ. — ס'זענען אויך געדרוקט רעפּראָדוק־ציעס פון די מאָלער א. גוטערמאן, פּ. פרידמאַן, בן־ציון ראבינאָ־וויטש. — שוין דער עצם־פאקט, וואָס אַ חודש־שריפט, און אי־בערהויפּט פון יונגע, דערציט ביז אַן אכטן נומער, איז אַ דער־פרייענדיקער. אין די ביז־איצט דערשינענע נומערן זענען דאָ בע־סערע זאכן און אויך ערגערע, פאראן אָבער דער דראַנג פון אויפ־גיין, און דאָס געפיל פון ערנסט. און שוין דאָס אליין איז זייער פיל.

מיר האָבן נישט קיין גרויסע ליטעראַרישע חודש־זשור־נאלן, מיר זענען דערווייל נישט אימשטאַנד דאָ אויסצוהאַלטן אַ חודש־זשורנאל. דאָס לייגט ארויף אַ באזונדערע אחריות אויף די פירער פון דעם יונגן זשורנאַל.

— ד י  נ י י ע  ש ו ל, פּעדאגאָגישער זשורנאל, ארויסגעגבן דורך דעם פּעדאגאָגישן אַמט ביי דער צ. י. ש. אָ. אין פוילן. גייט ארויס אײן מאָל אין דריי חדשים. צענטער יאָרגאַנג, 1929, יוני, נומער 2 (33). 160 ז.

אין נומער אַרטיקלען פון י. סימכאָוויטש, א. קאלאשניקאָוו, מ. דאַבין, י. ראָטענבערג, י. מאַן, מ. טייכמאַן, א. גאַלאָמב, י. בי־בער. אַלס ביילאגע גייט די פאָרזעצונג פון ד"ר י. רובינס „די געשיכטע פון דערציונג“.

— א ו נ ז ע ר  ה י ל ף, זאַמלונג לכבוד דער 6 יתומים־וואָך אויף וואָלין. ארויסגעגעבן דורך דער געזעלשאפט פאר יתומים־פארזאָרגונג און קינדער־שוץ אויף וואָלין, רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיום. מאַי 1929, נומ. 1, 64 ז.

---

## תיקון־טעות

אין אהרן צייטלינס אַרטיקל וועגן אַננאַ מאַרגאָלינס לידער („ליט. בלעטער“ נ' 24) זענען אין אַ טייל עקזעמפּלאַרן נישט פאררי֗כט געוואָרן פאָלגנדיקע דרוקפעלערס:

ז. 460, 2 שפּאַלט, שורה 10 — געדרוקט: ניינשאַלענט, דארף זיין: נאָנשאַלאַנט.

ז. 461, 1־טע שפּאַלט, שורה 4 (פון אונטן), אַנשטאָט: אַ קורץ אַבטשעהדיק לידל, דארף זיין: אַ קורץ אַבטשורהדיק לידל.

דאָרט, 2־טע שפּאַלט, שורה 2 (פון אויבן), געדרוקט: רעאינגאר־נאציע־געפיל, דארף זיין: רעאינקארנאציע־געפיל.

**נאַר ביז דינסטאָג דעם 25־טן יוני**

קאָנט איר באַקומען

**גאַנץ זשאַן קריסטאָף**

פון ראָמען ראָלאַן

**צען גרויסע בענדער**

מיט דעם בוך פון סטעפאַן צווייג—ראָמען ראָלאַן (דער מענטש און דאָס ווערק) צוזאַמען 11 בענדער—2340 זייטן אַנשטאָט 52,50 גילדן בלויז פאַר 20 גילדן. פּאָרטאָ נאָך 2.80, מיט פּאָרטאָ 22.80 גילדן. אין 5 לוקסוס־בענדער (מיט פּאָרטאָ) — 31.00 גילדן

*Spółdz. „Bycher" Warszawa, Nalewki 2a. . . .*

# כראָניק

## ליטעראַטור און קולטור

||||| אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן אין עלטער פון 69 יאָר דער באַקאַנטער יידישער סאָציאַליסטישער טוער און שרייבער ד"ר מינץ, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים ד"ר אַב. בספּי. דער פאַרשטאָרבענער שטאַמט פון ווילנע. אַלס סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן י"ה, האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע. שפּעטער האָט מינץ פאַרענדיקט דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט אין פּעטערבורג און דערנאָך אויף שטענדיק זיך באַזעצט אין אַמעריקע, ווו ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער ראַדיקאַלער יידישער פּרעסע. ד"ר מינץ האָט רעדאַגירט די „צוקונפט" אין די יאָרן 97—1894 און שפּעטער אין יאָר 1902 און האָט ביז די לעצטע יאָרן מיטגעאַרבעט אין דאָזיקן זשורנאַל. דער פאַרשטאָרבענער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ווערק פון געביט פון כעמיע, אַסטראָנאָמיע א. אַנד.

||||| דער אַרבעטער־רינג־קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט באַשטימט 65 טויזנט דאָלאַר פאַר פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. צווישן אַנדערע: „פאָלקסצייטונג" (וואַרשע) — 2,500 דאָלאַר, „וואָלקאַ" — 250 ד., מעדעם־סאַנאַטאָריע — 500 ד. ס'איז אַ וואונדער, וואָס ס'איז נישטאָ צווישן די אַסיגנירונגען נישט די צ. י. ש. אָ. אין פּוילן און נישט דער ייד. וויס. אינסטיטוט. — איז דער רוסישער „וועסטניק", אָדער די פּוילישע „וואָלקאַ" בילכער, ווי די יידישע שולן און דעם יי. וו. א.?

||||| אָקטאָבער ה. י. ווערט 10 יאָר, זינט עס איז געשטאָרבן אין אוקראַינע דער באַקאַנטער יידישער דיכטער אשר שוואַרצמאַן. דער פּרעזידיום פונם אוקראַינישן „געזקולט" האָט אָנגעמערקט אַ פּלאַן, ווי צו באַצייכענען דעם יאָרצייט. אין אַלע קולטור־אַנשטאַלטן וועלן דאַן פאָרקומען אָונטן געווידמעט דעם אָנדענק פונם דיכטער. מ'רעכנט אויך אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך געווידמעט שוואַרצמאַנען. מען וועט אפשר אויך אַרויסגעבן שוואַרצמאַנס אַ בוך אין דער ביבליאָטעק „יידישע שרייבער".

||||| די עטנאָגראַפישע קאָמיסיע פון דעם ייד. וויסנש. אינסט. ווענדט זיך צו אַלע פריינט פון דער יידישער קולטור — בפרט צו דער שילערשאַפט — מיט דער בקשה אויסצונוצן די זומערדיקע חדשים, די שפּאַצירן און עקסקורסיעס, אויף צו זאַמלען מאַטעריאַלן פון דעם יידישן פאָלקסשאַפן, ווי: לידער, מעשיות, זאָבאַבאָנעס, פּורים־שפּילן א. א. וו. נאָך אינסטרוקציעס זיך ווענדן אויפן אַדרעס פון יי. וו. א. אין ווילנע.

||||| אין כאַרקאָוו וועט איבגיכן אָנהויבן צו דערשיינען אַ יידישער זשורנאַל אויף דער אוקראַינישער שפּראַך. דער זשורנאַל וועט זיין געווידמעט הויפּטזעכלעך פראַגן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע און פון קליינעם שטעטל. דער צוועק פון זשורנאַל איז — צו באַקענען די אוקראַינישע באַפעלקערונג מיט די טונקעלע און ליכטיקע זייטן פון דעם איצטיקן עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין אוקראַינע.

||||| די יי. ש. אָ. האָט באַשטימט אין וואַרשע דעם יוני־חודש אַלס דעם ווערבירונגס־חודש פון קינדער פאַר דער יידישע־וועלטלעכער שול. עס זענען וועגן דעם געקלעפּט געוואָרן פּלאַקאַטן אין די גאַסן. עס זענען וועגן דעם אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די פראַגע ווערט געשטעלט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען.

||||| דער קאָנגרעס פון די פּען־קלובן קומט־פאָר די צווייטע וואָך אין ווין. — אין די „בלעטער" וועלן מיר געבן אויספירלעכע ידיעות וועגן דעם קאָנגרעס.

||||| לויט אַ פאַראָרדנונג פון ה־טן יוני האָט דער אינערן־מיניסטער אין פּוילן דערלויבט צו אַבאָנירן און פאַרקויפן אין פּוילן דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק. דער זשורנאַל איז פאַרבאָטן געווען דעם 10־טן פעברואַר 1921.

||||| ס'איז דערשינען אין פּאַריז אין רוסיש אַ בוך פון באַוווסטן אַדוואָקאַט מ. גאָלדשטיין „רעדעס און אַרטיקלען". צווישן אַנדערן איז אַריין אויך די רעדע פון מ. גאָלדשטיין אויף דעם שוואַרצבאַרד־פּראָצעס.

||||| פאַר אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער אַרבעט זענען נייטיק ידיעות וועגן דער העברעישער שריפטשטעלערין חנה בלומע סאָלין פון ווילנע, דער פאַרפאַסערין פון די שירים „המחזה" און „גיא חזיון". ווער עס ווייסט עפּעס וועגן איר, ווערט געבעטן מיטצוטיילן זלמן רייזענען, גר. פּאָהולאַנקע 11 וו. 10, ווילנע.

||||| ס'איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע איבער אַמעריקע ד"ר י. גאָטליב.

||||| די צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון „געזקולט" האָט באַשלאָסן צו גרינדן אינאיינעם מיטן באַרקאָווער „געזקולט" יידישע סטענאָגראַפישע קורסן אין כאַרקאָוו. אָנפירן מיט די קורסן וועט דער גרינדער פון דער יידישער סטענאָגראַפיע — שאַצקי. די קורסן זענען אויסגערעכנט אויף 15 קורסאַנטן און וועלן געדויערן 9 חדשים.

||||| „ערשטער שניט" — אונטער דעם נאָמען גרייט זיך יעצט צום דרוק און אינגיכן דערשיינט אין וואַרשע אַ זאַמלונג לידער, אין וועלכן עס וועלן זיך באַטייליקן די יונגע דיכטער: יצחק פּערלאָוו, יעקב פרידמאַן, ב. מרדכי, נ. פּערסקי און אברהם לעוו.

||||| די יידישע קולטור־געזעלשאַפט אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף דער פאַרשפּרייטונג פון בעסערן יידישן בוך.

||||| דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע מאַכט איצט הכנות איבערצונעמען דעם בנין פון דעם אייגענעם הויז. אין דער ערשטער ריי וועלן געבראַכט ווערן אין אָרדנונג די עטלעכע און דרייסיק צימערן פון די צוויי געביידעס, וואָס געפינען זיך אויף דעם געקויפטן פּלאַץ. — די פריינט פון יי. וו. א. אין גאָר דער וועלט מוזן צואיילן און צושיקן די געלט־סומעס פאַר דעם בוי־פאָנד.

||||| דער באַקאַנטער העברעישער שריפטשטעלער ד"ר מ. ערנפּרייז, וואוינט די לעצטע יאָרן אין שטאָקהאָלם, ווערט איצט אַלט 60 יאָר. עס ווערט אַרויסגעגעבן לכבוד אים אַ זאַמלבוך.

## טעאַטער און קונסט

||||| די „ווילנער" האָבן געשפּילט אין קראָקע מיט אַ גרויסן ערפאָלג. די לעצטע וואָך האָבן זיי דאָרט אויפגעפירט „יאַשקע מוזיקאַנט" און „שיילאָק".

||||| נאָך יוליוס אַדלערס גאַסטשפּילן אין קאַמינסקי־טעאַטער, האָבן זיך אָנגעהויבן דאָרט די גאַסטראָלן פון דער סובּרעטין בעטי קעניג אין דער אָפּערעטע „די סיבירער חתונה".

||||| די באַוווסטע אַרטיסטן לידיאַ פּאָטאָצקאַ און יוליוס אַדלער זענען אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין אַ ריי שטעט אין פּוילן.

||||| אין פּאַריז, — דעם פּרוזדור צווישן אַמעריקע און פּוילן, — זענען געקומען איצט פיינע געסט: די באַוווסטע זינגערין איזאַ קרעמער; דער באַוווסטער אַרטיסט בן־צבי באַראַטאָוו. די טעג קומט דער באַקאַנטער אָפּערעטן־אַרטיסט מיכאַלעסקאָ.

||||| די אַרטיסטין נעלי קעסמאַן, וועלכע האָט אַזוי אויסגענומען אין וואַרשע, געפינט זיך איצט אויף אָפּרו אין קאַרלסבאַד.

||||| דער „פרילינג־סאַלאָן" ביי דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט אין וואַרשע בלייבט אָפן בלויז היינטיקע וואָך. די קומענדיקע אויסשטעלונג וועט זיין געווידמעט דער גראַפיק. אַלע קינסטלער, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין דער גראַפישער אויסשטעלונג, באַדאַרפן צושיקן זייערע ווערק ביז דעם 25־טן ה. ח. אַדרעס: קרולעווסקע 51 (טעל. 532-42). — די גראַפישע אויסשטעלונג איז לויטן סדר די 41־טע אויסשטעלונג פון דער ייד. קונסט־געזעלשאַפט פאַר די 8 יאָר, וואָס די געזעלשאַפט עקזיסטירט.

||||| ס'איז איצט געקומען אויף אַ קורצער צייט קיין פּוילן דער באַקאַנטער יידישער מאָלער יאַנקל אַדלער, וואָס וואוינט זינט עטלעכע יאָר אין דייטשלאַנד.

||||| אין „סקאַלאַ"־טעאַטער גייט מיט ערפאָלג די רעווי „זומער־פייגעלעך".

||||| ס'זענען פאָרגעקומען די עקזאַמענס אין דער יידישער דראַמאַטישער סטודיע אין וואַרשע, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר מ. וויינבערט. פון 37 קאַנדידאַטן זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער סטודיע 12 — 7 מענער און 5 פרויען. דער לעצטער עקזאַמען וועט פאָרקומען סוף חודש אויגוסט, פאַרן אָנהויב פון די למודים. די רעגולערע אַרבעט פון דער סטודיע הויבט זיך אָן אָנהויב סעפּטעמבער. אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען צום לעצטן עקזאַמען — יעדן מאָנטיק, מיטוואָך און פרייטיק, פון 7 ביז 9 אין אָונט, אין קאַנצעלאַריע פון דער סטודיע ||||| מילע 51 וו. 1.

||||| די טעג איז פאָרגעקומען די עפענונג פון משה אַפּעלבוימס בילדער־אויסשטעלונג אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוו. אין לאָקאַל פון יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. די אויסשטעלונג וועט זיין אָפן 14 טעג.

||||| שבת, דעם 22־טן ה. ח. קומט־פאָר אַ קאָנצערט פון דעם גרויסן שניאור־כאָר אין וואַרשע.

רעד. נחמן מייזיל

# קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“, וואַרשע

## ניי-דערשינענע ביכער

| | |
|---|---|
| איזבאַן ש. — מאַסן (ראָמאַן) | 10.00 |
| ארציבאשעוו מ. — מענער (ראָמאַן) | 6.50 |
| באמזע נ. — אין די טעג פון דער וואָך | 1.80 |
| בערגעלסאָן דוד — שטורעמטעג (נאָוועלן) | 7.60 |
| „ וועלט איין וועלט אויס — | 7.00 |
| „ נאָך אלעמען | 8.40 |
| „ אָפּגאַנג — | 3.60 |
| באַרבּיס א. — בלערליי | 5.50 |
| בלאַסקאָ איבאַנעס — דער פרויען גן־עדן | 8.50 |
| בער'ענט וו. — פרוכנע (ראָמאַן) | 10.75 |
| נאָרקי מ. — וואַרענקאָ אלעסאָווא | 7.00 |
| „ — געוועזענע מענטשן | 4.80 |
| „ — קלים סאַמגין, 2 טייל | 10.50 |
| דובנאָוו ש. — פון „זשאַרגאָן“ ביז יידיש | 3.60 |
| דינעסאָן י. — זכרונות און אַרטיקלען | 6.40 |
| האמסון קנוט — דאָס לעצטע קאַפּיטל | 13.40 |
| „ — די לעצטע פרייד | 6.00 |
| „ — די וואָגלער | 14.80 |
| „ — מיסטעריען | 10.40 |
| „ — די שטאָט זעגפלאָס | 11.20 |
| „ — פאַן | 4.20 |
| „ — בענאַני | 7.60 |
| „ — ראָזאַ | 6.40 |
| „ — ווייבער ביים ברונען | 13.60 |
| „ — וויקטאָריאַ און מלכה שבא | 4.00 |
| הײלפּערין פ. און וויינרייך מ. — פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך 2־טייל | 2.70 |
| הײלפּערין פאַלק — מעשיות פון פאַרצייטנס | 3.50 |
| הירשביין פּרץ — גרינע פעלדער | 7.00 |
| „ — פעלקער און לענדער | 6.00 |
| „ — ארץ־ישראל | 6.00 |
| „ — אינדיע | 7.50 |
| הויפּטמאַן ג. — דער איינגעזונקענער גלאָק יידיש משה נאַדיר | 4.00 |
| הערשעלע — שבת אויפן טראַקט | 2.00 |
| זילבערצווייג ז. — הינטערן פאָרהאַנג | 10.00 |
| זינגער י. י. — פּערל (נאָוועלן) | 6.40 |
| טאַגאָר ר. — די היים און די וועלט | 7.50 |
| „ — נאַציאָנאַליזם א.א. | 4.00 |
| טאָלסטאָי ל. נ. — אַננאַ קאַרעניגאַ 4 טיילן | 16.00 |
| „ „ „ | 16.00 |
| „ — קרייצער־סאָנאַטע א. א. | 10.00 |
| יונגער היסטאָריקער 2 | 5.00 |
| יידישע וועלט — 1928 — 9—1 געבונדן פּראַכט | 36.00 |
| יושקעוויטש ס. — עפּיזאָדן | 9.00 |
| יידישע עמיגראַציע — נומער 1 | 1.50 |
| ליכטענשטיין מ. ח. — יונה בן אמתי | 1.00 |
| ליסאַגורא ע. — געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע | 9.00 |
| ליטעראַרישע בלעטער — 1928 געבונדן פּראַכט | 40.00 |
| מאַרגאַריט וו. — מענטש, בהמה | 9.20 |
| מאַן טאָמאַס — דער טויט פון ווענעדיג | 3.50 |
| ניטשע פ. — עקצע האָמאָ | 5.00 |
| „ — דיאָניזאָס דיפאַראַמבן | 1.70 |
| סאָלאָגוב פ. — פערעדאָנאָוו (ראָמאַן) | 10.00 |
| סטאַו ב. — פעטער טאָמס שטיבל | 10.50 |
| ספעקטאָר־בוך | 7.00 |
| פייגנבערג רחל — אויף פרעמדע וועגן | 7.00 |
| פינסקי דוד — דער צעריסענער מענטש | 11.00 |
| פּרץ י. ל. — בריוו און רעדעס | 8.00 |
| פראַנס א. — די דיאַלאָגן פון זשעראָם קואַניאַר | 5.60 |
| „ — זשאַקאָסטאַ | 9.00 |
| פרעס צ. — מיין רעכנבוך | 2.00 |
| פילאָלאָגישע שריפטן — 3־טער באַנד | 26.00 |
| פלאַקס ח. — מיט זיך | 2.00 |
| פאַרבאָ א. — די וועלט גייט אונטער | 2.25 |
| צווייג סט. — ירמיהו | 5.00 |
| צייטלין אהרן — יעקב פראַנק | 3.00 |
| קאַציזנע א. — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן) | 9.00 |
| קאַהאַן אב. — בלעטער פון מיין לעבן, 3 בענדער, יעדער באַנד צו | 10.00 |
| קיפּניס י. — חדשים און טעג | 4.50 |
| קולבאַק מ. — משיח בן אפרים — מאָנטיק | 6.40 |
| „ — פאָעמען און לידער | 6.00 |
| „ — יעקב פראַנק | 2.50 |
| קעניג לעאָ — שרייבער און ווערק | 4.75 |
| קראַפּאָטקין פ. — די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוו. | 9.50 |
| ראַבאַי א. — אייגענע ערד (ראָמאַן) | 7.20 |
| „ — איז געקומען א ייד קיין אמעריקע (ראָמאַן) | 10.00 |
| ראָזענפעלד יונה — גרענעצן (נאָוועלן) | 7.00 |
| „ — אייגנס (נאָוועלן) | 7.00 |
| רייסנער ל. — די פרוי פון די באַריקאַדן | 13.00 |
| רעמאַרק ע. מ. — אויף מערב קיין נייעס יידיש מ. ראַזומני | 3.00 |
| „ „ „ יידיש פועה ראַקאָווסקא | 3.00 |
| שאַליט מ. — לוחות אין אונזער ליטעראַטור | 3.00 |
| שילער פ. — ווילהעלם טעל יידיש פ. הײלפּערין | 5.00 |
| „ יונגפרוי פון אָרלעאַן יידיש פ. הײלפּערין | 6.00 |
| „ — אינטריגע און ליבע יידיש פ. הײלפּערין | 5.00 |

אַדרעס: **Spółdzielnia „Bycher“, Warszawa, Nalewki 2a**

פאַר געלט: פ. ק. אָ. 13 196


פאַרלאַג ב. קלעצקי, וואַרשע

לעאָ קעניג

# שרייבער און ווערק

עטיודן און שטריכן

פּרייז 4 75 זל.

הויפּט פאַרקויף:

*Spółdz. „Bycher“ Warszawa, Nalewki 2a*

פאַרלאַג ב. קלעצקין וואַרשע

# יונגער היסטאָריקער

2 טער באַנד

שריפטן פון אַקאַדעמישן סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע אין וואַרשע — ביים יי. וו. א אין ו. י. נ.

— פּרייז 5 זל. —

*Spółdz. „Bycher“ Warszawa, Nalewki 2a*

Cena 60 gr. **Literarisze Bleter Nr. 25 (268)** Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

*Adres redakcji i administracji: „Literarisze Bleter", Warszawa, Nalewki 2a, p. 67*

# אין היינטיקן נומער:

ראַטעוועט כל־זמן ס'איז נישט שפּעט — א. לוצקי
דאָס לעבן פון עלעאָנאָרא דוזע — אַן אינטערעסאַנטער בריוו פון — פּאַריזער קונסט און קינסטלער — בלוט אויף דער פאָן (לעצטער עטאַפּ) — דער גוי מיט די קאַרטאָפל —

נ. מייזיל
י. י. סיגאַל
ד״ר מ. ווייכערט
מאָרים ראָזענפעלד
י. ליכטענשטיין
מ. ראַוויטש
ק. מאַלאַדאָווסקי

וועגן מיין אייגזייטיקן גרוס פון רומעניע — י. מאַנגער
דאָס טאָג־בוך פון ס. א. טאָלסטאָי — פּ. סלאָווצאָוו
גאַסטשפּילן פון דעם רוסישן קינסטלערישן טעאַטער — נ. מ.
נייע ביכער
כראָניק: ליטעראַטור און קולטור, טעאַטער און קונסט
בילדער, אַנאָנסן


קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" וואַרשע.

דערמיט מעלדן מיר אונזערע מיטגלידער, אַז די

## יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג

פון אונזער קאָאָפּעראַטיוו קומט פאָר — זונטיק דעם 23-טן יוני 5 א זייגער נאָכמיטאָג, 6 א זייגער אין 2-טן טערמין, אין אייגענעם לאָקאַל, וואַרשע נאַלעווקי א-2 וו. 67.

טאָג-אָרדנונג

1. ערעפנונג; 2. וואַלן פון פאָרזיצער; 3. פּראָטאָקאָל פון לעצטער אַלגעמ. פאַרזאַמלונג; 4. באַריכט פון ראַט און פאַרוואַלטונג; 5. באַשטעטיקונג פון בילאַנס פון יאָר 1928; 6. ענדערונג אין סטאַטוט פון די פּאַראַגר. 7, 13, 15, 30; 7. פאַרטיילונג פון רווחים; 8. בודזשעט אויף יאָר 1929; 9. פרייע פאָרשלאָגן; 10. וואַלן פון ראַט און פאַרוואַלטונג אויפן אָרט פון די אָפּטרעטנדיקע מיטגלידער.

ראַט און פאַרוואַלטונג

וואַרשא 2-טן יוני 1929.



קאָאָפּ. „ביכער", וואַרשע

ס'איז דערשינען אין פאַרלאַג „אַלט-ניי", ווילנע

משה שאַליט

## לוחות אין אונזער ליטעראַטור

פון מענדעלע מוכר ספרים ביז דער היינטיקער צייט

פּראַכט־אויסגאַבע, מיט 18 זעלטענע רעפּראָדוקציעס, 3 דרוק־בויגן געדיכטן זאַץ פון פאַרשיידענע שריפטן, אינדעקס.

מאָנאָגראַפיע וועגן לוחות און קאַלענדאַרן — פון מענדעלע מו"ס' י. י. לינעצקי, ח. י. גורלאַנד, ג. באַדער, ש. ש. פרוג, אחיאסף, קדימה, י. קאַטיק, אַרבעטער־לוחות, מ. ספּעקטאָר, א. מ. לינין, מ. פּראָסטיק, ד"ר א. קלייגמאַן, י. לידסקי, אחיעבר, לוחות פון אָרגאַניזאַציעס א. א.

פּרייז 3 גילדן

אַדרעס: Spółdz. „Bycher" Warszawa, Nalewki 2a...



## צו די לעזער!

מיטן היינטיקן נומער שיקן מיר די לעזער 2 העפטן

## ל. טאָלסטאָי — די קרייצער־סאָנאַטע

### און אַנד. דערציילונגען

העפט 24. יידיש — פּ. ק. היי פּנרי, פון זייט 93 ביז ז. 26
העפט 25. " " " כו, זייט 257 ביז ז. 20

דערמיט שיקן מיר אָפּ אונזערע לעזער דאָס טאָלסטאָי-העפט, וואָס מיר האָבן נישט דערשיקט אונזערע לעזער.

די לעזער ווערן געבעטן גלייך אָבאָנירן די „ליט. בלעטער" אויף דעם דריטן קוואַרטל (יולי-סעפּטעמבער).

מיטן העפט 26 ווערט פאַרענדיקט דער באַנד דערציילונגען „די קרייצער-סאָנאַטע" א. א.

מיטן העפט 27 הייבט זיך אָן צו דרוקן טאָלסטאָיס באַרימט ווערק „קינדהייט און יוגנט", יידיש ד. קאַסעל.



פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

ערשט דערשינען:

## פּרצעס בריוו און רעדעס

אויפגעקליבן און איבערזעצט מיט אריינפירן און דערקלערונגען

נחמן מייזיל

(מיט בילדער און פאַקסימיליען)

— פּרייז 8 גילדן —



פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

פ. היילפּעריז — ערשטע טריט

כרעסטאָמאַטיע פאַרן צווייטן לערן-יאָר מיט פיל אָריגינעלע צייכנונגען

פּרייז 2,50 גילדן



*אַנאָנסן - פּרייז:* פאַר 1 מילימעטער-שורה 20 גראָשן.
אַנאָנסן-זייטן—האַלבן 6 שפּאַלטן.
אַדרעס: „Liter. Bleter", Warszawa, Nalewki 2a, p. 67.
פּאָסט קאָנטע: P. K. O. 98-58
טעלעפאָן: 210-71.
נישט אָנגענומענע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט און עס ווערט נישט געפירט קיין קאָרעספּאָנדענץ.

*Red. J. Mejsels — Wyd. B. Kleckina.*

*זעקסטער יאָרגאַנג* אַבאָנעמענט - פּרייז אויף יאָר 1929 מיט אַלמאַנאַכים ווערק (יעדן חודש א בוך): אין פּוילן: 1/1 יאָר — 24 גילדן, 1/2 יאָר—12 גילדן אין אויסלאַנד 1/1 יאָר—5 דאָלאַר, 1/4 יאָר—2.50 ד.
איין נומער—60 גראָשן. אין אויסלאַנד—10 סענט.

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz. Warszawa. Pawia 10.


קופּאָן נומ. 25

צו באַקומען א העפט [illegible]

פאַר 60 גראָשן